גליון
# באור החיים
פרשת בהר-בחקתי - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתע"ט

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
מוה"ר משה 'ישעי' שווארטץ הי"ו
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י הרב אלימלך נפתלי הירצקא לאווי שליט"א (קרית יואל)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' מרדכי שמעון ני"ו לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

**בהר**

### צריכין לקרב אנשים שפלים אל ה'

**וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו.**

נראה לפרש בדרך רמז, דכשרואין בר ישראל שהוא מך בתורה ועבודה שזה עיקר העניות, עני בדעת, ומטה ידו מלילך בדרך ה', מצוה להחזיק בו ללמדו דרך ה', ולהכניס בו השגה לתורה ויראה.

ועבודה קדושה זו, היא גם עבודת ותפקיד של המגידי שיעור ומלמדי תינוקות ומורי הוראה בישראל, שעליהם להשפיל עצמם אל התלמידים שהם במדרגה שפילה, להדריכם וללמדם תורה ויראת ה', וצריך האדם לעסוק במלאכה זו באמונה, שלא לכוין בה לתועלת עצמו ח"ו, לגדל שמו בזה שהוא מרביץ תורה לתלמידים, ובזה שהוא מורה הוראה בישראל.

לכן צריכין לשים לב אל ענין נשגב זה, שהממונה להורות וללמד תורה לבני ישראל, תהא כוונתו למען כבוד שמו יתברך, להשפיע להם תורה ויראה.

(פתג"ק שמיני)

**בחוקותי**

### שבתות בימי הגלות הוא גדולה משבתות בזמן שביהמ"ק היה קיים

**כל ימי השמה תשבות את אשר לא שבתה בשבתותיכם בשבתכם עליה.**

הביא רבינו מהרי"א מ'קאמארנא זי"ע בשם הרה"ק רבי ארי' לייבוש מ'לאנצוט זי"ע פירוש על פסוק זה, 'כל ימי השמה' היינו ימי הגלות, 'ותשבות' שבתות כאלו, 'אשר לא שבתה בשבתכם' בזמן המקדש, כי השבתות שבימי הגלות גדולים ונשגבים יותר.

וכן פירשו בספה"ק, מה שאנו אומרים בפיוט לכה דודי בקבלת שבת 'רב לך שבת בעמק הבכא', שֶׁבֶת הוא מלשון שַׁבָּת, שכח השבת שבעמק הבכא היינו בימי הגלות, רב וגדול יותר מכח השבת שבזמן שבית המקדש היה קיים.

(דב"ק ויקהל)

### ביציאת מצרים היה בני ישראל יוצאים מכל שעבודים

**כי לי בני ישראל עבדים עבדי הם אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים.**

נראה לפרש בדרך רמז, דהנה ידוע מספרי החסידות אשר בני ישראל יוצאי מצרים קיבלו כח גדול לא להיות משועבד לשום דבר רק לעבודת השי"ת, כמה דאמרינן בכל לילה בתפילת ערבית,

המשך בע' ב

פרנס פעולות האיחוד
לחודש אייר
נתנדב על ידי הרבני הנגיד המפואר לב טוב ומטיב לכל רודף צדקה וחסד מגדולי תומכי מוסדותינו הק'
מוה"ר חיים יוחנן כהנא הי"ו
לעילוי נשמת זקינו היקר והחשוב
הרב החסיד ר' ישראל משה דוד בן ר' יחזקאל ע"ה רייזלער
הארצייט חל ביום ט' אייר הבעל"ט
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י

**לעולם יהא אדם', זאלסט אייביג זיין אין די הויכע מדריגה פון אדם, (א'לופו של עולם בתוך הבשר וד"ם) וויאזוי, דורכן זיין א 'ירא שמים בסתר ובגלוי'.**

(פתג"ק ח"ב כ"ה)

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **נתן פייטל הכהן לאנדאוי** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת תגלחת בנו הילד משולם פייש ני"ו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

## דורך די כח האחדות קען מען האבן די זכות פון די מצות פון אנדערע אידן

**ונתתי שלום בארץ ושכבתם ואין מחריד.**

קען מען מפרש זיין אין דעם לויט ווי עס ווערט געברענגט בשם הרה"ק רבי ר' שמעלקא מ'ניקלשבורג זי"ע וואס ער האט געזאגט, אז עס שטייט אין מדרש אז לעתיד לבא וועט עשיו זאגן פאר יעקב, אדער זאלסטו גיין מיט מיר אין גיהנום אדער זאל איך גיין מיט דיר אין גן עדן, וועט יעקב זאגן פאר עשיו לאז מיר אפ, איך האב דיר ליב געהאט און דו האסט מיר פיינט געהאט, און דאס איז א מדרש פליאה.

איז דער הייליגער רבי ר' שמעלקא מפרש, לויט ווי די גמרא זאגט (סנהדרין דף קי"א) אויפ'ן פסוק (ישעיהו ה' י"ד), הרחיבה שאול נפשה ופערה פיה לבל חוק, רבי יוחנן וריש לקיש חד פירש שהשאול דהיינו הגהינום פותחת את פיה לבלי חוק, למי שלא בייש אפילו חק אחד, אבל אם קיים אפילו חוק אחד שוב לא ילך לגיהנום, וחד פירש לבלי חוק, היינו שכאשר שייר אפילו חוק אחד שלא קיים ילך לגיהנום.

און דאס וועט זיין די טענה פון עשיו צו יעקב, ממה נפשך, אויב האלטסטו אזוי ווי די מאן דאמר אז אפי' מען האט איבער געלאזט אפי' איין חוק וואס מען האט נישט מקיים געווען דארף מען גיין אין גיהנום, קומט אויס אז אויב דו האסט נישט מקיים געווען מצות כיבוד אב ואם די אלע י' ארן וואס דו ביסט געווען בבית לבן דארפסטו באקומען גיהנום, און אויב האלטסטו אזוי ווי די מאן דאמר אז אפי' מען האט מקיים געווען נאר איין מצוה דארף מען שוין נישט גיין אין גיהנום, דארף איך מיטגיין מיט דיר אין גן עדן, ווייל איך האב מקיים געווען די מצוה פון כיבוד אב ואם.

וועט אים יעקב אבינו זאגן, לאז מיר אפ, אני אהבתיך ואת שנאת אותי, די פשט איז אז לעולם איז די דין אזוי ווי די מאן דאמר אז אפי' מען האט איבערגעלאזט איין מצוה וואס מען האט נישט מקיים געווען דארף מען גיין אין גיהנום, נאר וויבאלד איך האב דיר ליב געהאט, קען איך מצרף זיין דיין מצוה פאר מיר ווייל דורך די כח האחדות, קען מען מצרף זיין די מצות וואס דער חבר האט מקיים געווען פאר די אייגענע זכות, פארדעם וועל איך גיין אין גן עדן, אבער וויבאלד דו האסט מיר פיינט געהאט, קענסטו נישט מצרף זיין מיינע מצות פאר דיין זכות, פארדעם וועסטו גיין אין גיהנום, דאס זענען די הייליגע ווערטער פונעם רבי ר' שמעלקא זי"ע.

און מיט דעם וועלן מיר קומען מפרש זיין די פסוק אין אונזער פרשה, וואס די פסוק איז אונז מבטיח, 'ונתתי שלום בארץ', אז עס וועט זיין א אהבה אחוה ושלום צווישן ענק, און דורך דעם וועט זיין 'ושכבתם' ענק וועלן רוען מיט א מנוחה נכונה נאך די הונדערט און צוואנציג, 'ואין מחריד', און מען וועט נישט דארפן ציטערן פונעם עונש הגיהנום, ווייל אפי' מען פסק'נט אזוי ווי די מ"ד אז אפי' מען האט פארפעלט נאר איין מצוה דארף מען גיין אין גיהנום, וועט מען געראטעוועט ווערן דורך די כח האחדות, וואס דורך דעם קען מען מצרף זיין די מצות פון אנדערע אידן פאר די אייגענע זכות.

(עבודת עבודה פתג"ק)

המשך מע' א

'המכה בעברתו כל בכורי מצרים ויוצא את עמו ישראל מתוכם לחירות עולם', דכשיצאו בני ישראל מארץ מצרים ומהשעבוד הגלות מצרים, היה יוצאים לחירות עולם מכל דבר גשמי ומכל שעבודי עולם הזה, ובפרט לאחר קריעת ים סוף כשהמצריים היה מתים בהים, ויכסו מים צריהם אחד מהם לא נותר, שם הגיע למדרגה זאת ביותר שלא יהיה משועבד לשום דבר רק להשי"ת. לכן כשאדם רוצה באמת להיות עבד נאמן לה' ולתורתו, אינו צריך עוד שום שעבוד מעניני עולם הזה כמו שאמרו חז"ל (אבות פ"ג מ"ה) כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ.

(אמ"ק משפטים)

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ח ר' **שמעי' צבי רייך** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת אירוסי נכדו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

## א תורה אויף די פרשה

### פרשת בהר

**וידבר ה' אל משה בהר סיני לאמר.**

די גמרא זאגט אין מסכת מגילה (כט.) אז דער אייבערשטער האט נישט געוואלט געבן די תורה אויף די הויכע בערג נאר אויף'ן בארג סיני, ווייל דער בארג האט זיך געהאלטן קליין, אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא תענית (ז.) אז 'אין התורה מתקיימין אלא במי שדעתו שפלה'.

דאס קען זיין דא א רמז אין פסוק, 'וידבר ה' אל משה', דער אייבישטער האט געזאגט צו משה רבינו, אז ער זאל זאגן פאר די אידן, 'בהר סיני', מען דארף זיך האלטן קליין, און ערשט דעמאלטס קען זיין, 'לאמר', אז מען זאל קענען לערנען.

(נועם אלימלך)

**ואיש כי לא יהיה לו גואל והשיגה ידו וכו'.**

קען זיין א שיינע רמז דא אין פסוק, 'ואיש כי לא יהיה לו גואל' ווען דער מענטש ווייסט אז ער האט נישט קיין גואל, קיינער קען אים נישט העלפן, נאר דער אייבישטער קען אים ראטעווען פון זיינע צרות און אים שיקן א ישועה, דאן קען ער זיכער זיין אז 'והשיגה ידו', דער באשעפער וועט אים געבן וואס ער דארף און ארויסהעלפן פון זיין קלעם.

(הרה"ק שר שלום מבעלזא זי"ע)

### פרשת בחוקותי

**אם בחקתי תלכו ואת מצותי תשמרו וגו' ונתתי גשמיכם בעתם.**

לכאורה איז שווער, די גמרא זאגט (קידושין לט:) 'שכר מצוה בהאי עלמא ליכא', אויב אזוי פארוואס זאגט דא די תורה צו שכר פאר היטן די מצות.

נאר דער תירוץ איז, אז דאס וואס מען באקומט נישט קיין שכר אויף די וועלט איז דער שכר פון די עצם מעשה המצות, אבער אויף די הכנה למצוה, דאס וואס מען גרייט זיך צו מיט א ברען און מען קוקט ארויס אויף די מאמענט מקיים צו זיין די מצות, אויף דעם באקומט מען יא שכר אויף די וועלט.

דאס זאגט דער פסוק, 'ואת מצותי תשמרו' פאר דעם שכר פון ווארטן און זיך צוגרייטן צו טוהן די מצוה 'ונתתי גשמיכם בעתם' וועל איך אייך קענען געבן שכר אויך אויף די וועלט.

(תפארת שלמה)

**ונתתי גשמיכם בעתם.**

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט דער לשון 'גשמיכם' אייער רעגן, עס וואלט געדארפט שטיין 'ונתתי גשם בעתו'?

נאר מען קען עס מסביר זיין לויט ווי די גמ' פארציילט (יומא נג:) אז ר' חנינא בן דוסא איז געגאנגען אויפ'ן וועג און עס האט גערעגנט, האט ער זיך אנגערופן, 'פאר די גאנצע וועלט איז רואיג, און חנינא זאל האבן צער?' און תיכף האט זיך אויפגעהערט דער רעגן. ווען ער איז אהיים געקומען האט ער געזאגט, "יעצט האט דאך די גאנצע וועלט צער ווייל זיי האבן דאך נישט קיין רעגן אין זייערע פעלדער', און תיכף האט צוריק אנגעהויבן צו רעגענען.

זעהט מען אז די צדיקים וואס פירן זיך ערליך און לערנען תורה זענען בעלי בתים אויפ'ן רעגן.

דאס זאגט דא די תורה 'ונתתי גשמיכם בעתם' עס וועט זיין רעגן אין דער צייט וואס איר ווילט, ווייל ווען מען וועט זיך פירן ערליך וועט דער אייבישטער אננעמען די תפילות, ווען עס זאל נישט זיין רעגן, און ווען יא.

(אך פרי תבואה)

**ונתתי שלום בארץ ושכבתם ואין מחריד.**

מען קען זאגן א שיינעם פשט אין דעם פסוק, לויט ווי די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (דף נ"ה ע"ב), אז דוד המלך פלעגט האבן פחד'דיגע חלומות ביינאכט, און די גמרא זאגט, אז דער טעם דערפון איז געווען, ווייבאלד דוד המלך האט כסדר געדארפט פירן מלחמות מיט די גוים, און ער האט געטראכט פון די מלחמות א גאנצן טאג, ממילא האט ער גע'חלומ'ט ביינאכט ווענן מלחמות.

לויט דעם קען מען זאגן פשט אין פסוק, אז דער אייבישטער זאגט אונז צו, 'ונתתי שלום בארץ' - עס וועט זיין שלום אין ארץ ישראל, און עס וועלן נישט זיין קיין מלחמות, און ממילא, 'ושכבתם' - וועלן די אידן קענען שלאפן רואיג, 'ואין מחריד' - און זיי וועלן נישט דארפן ציטערן, ווייל זיי וועלן נישט טראכטן פון קיין מלחמות.

(מלא העומר)

**כל אשר יעבור תחת השבט העשירי יהיה קודש לד'.**

עס ווערט געברענגט אין די קדמונים, אז דער טעם פארוואס די עשרה הרוגי מלכות זענען אומגעקומען אויף קידוש השם איז געווען, כדי צו מכפר זיין דעם זינד פון די 9 שבטים וואס האבן פארקויפט זייער ברידער יוסף, און דער צענטער פון זיי, רבי עקיבא, איז גע'הרג'ט געווארן, כדי מכפר צו זיין אויפ'ן אייבירשטן כביכול וואס האט אויך געדארפט א כפרה, ווייבאלד די 9 שבטים האבן אריינגערעכנט דעם אייבערשטן אלץ דער צענטער אין זייער שבועה, נישט ארויסצוזאגן וואס איז געשען מיט זייער ברידער יוסף.

דאס קען זיין מרומז אין די ווערטער פון דעם פסוק, 'כל אשר יעבור' - יעדער פון די צדיקים וואס וועט געפירט ווערן צום שטארבן, 'תחת השבט' - וועט זיין אנשטאט 1 שבט וואס האט געזינדיגט ביי מכירת יוסף, 'והעשירי' - און דער צענטער פון די 'עשרה הרוגי מלכות', דאס מיינט רבי עקיבא, 'יהיה קודש לד'' - וועט זיין אנשטאט דעם אייבערשטן.

(הרה"ק ר' שמשון מאוסטראפאלי זי"ע הי"ד)

## א מעשה אויף די פרשה

### מ'פועל'ט דורך די תוכחה

עס איז באקאנט פון די ספרים הקדושים, אז די תוכחה פון דער סדרה איז אין אמת'ן רחמים וחסדים.

עס ווערט דערציילט אז הרה"ק רבי ארון פון קראקא זי"ע, א זוהן פון דעם הייליגן מאור ושמש זי"ע פלעגט פארן אויף ראש השנה קיין צאנז. איינמאל האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע ביי דער סעודה פון דער ערשטער נאכט ראש השנה זיך געבייזערט אויף דער קהילה אז זיי פירן זיך נישט ווי עס פאסט, און ער האט שארף געווארנט אז זיי וועלן ליידן צרות אלס עונש אויף זייער התנהגות.

רבי ארון האט זיך זייער געוואונדערט, עס איז דאך ראש השנה און מען דארף דאך יעצט מעורר רחמים זיין צו ווערן פארשריבן לשנה טובה ומתוקה, איז היתכן גאר צו שרייען און מקטרג זיין אויף זיי שטייענדיג אין אזא צייט.

דער צאנזער רב האט תופס געווען זיין מחשבה, און נאכ'ן פארענדיגן זיינע רייד, האט ער זיך אנגערופן צו רבי ארון און געזאגט, 'דוד המלך האט מחבר געווען דעם תהלים, און ווער עס דארף א ישועה עפענט דאס תהלים'ל און גיסט דערמיט אויס דאס הארץ פאר'ן באשעפער, און די פסוקים פון תהלים העלפן אים פועל'ן אלעס גוטס, איז לכאורה א פלא, ווען מען קוקט אריין אין די קאפיטל'עך פון תהלים, זעט מען אז פיל פון זיי באשטייען פון קללות אויף די רשעים וואס האבן גע'רודפ'ט און געפייניגט דוד המלך צי די אידן, און מיט אט די קללות פועל'ט מען ישועות פאר אידן'.

דאן האט רבי ארון איינגעזען אז אויך דער דברי חיים מיט זיינע שטראף-רייד האט מעורר רחמים געווען אויף אידן. זי"ע.

# שאלות ותשובות שונות (ג)

ה

## שאלה: א צדקה קאסע וואס מאכט א גורל, מעגן זיי ארײנלייגן צעטלעך פאר זיך אליין אויך, וואס דורכדעם קומט אויס אז די נדבנים האבן ווייניגער שאנסן צו געווינען?

**תשובה:** לאמיר קודם מקדים זיין צי מען מעג בכלל מאכן א גורל, עס ווערט דאך געפסק'נט אין שלחן ערוך (יו"ד סימן קעט) אין שואלים בחוזים בכוכבים ולא בגורלות, ווייל עס שטייט תמים תהיה עם ה' אלהיך.

## גורל להבא

רבי שלמה קלוגער שרייבט (שו"ת האלף לך שלמה או"ח ס"ב) אז דער איסור איז נאר צו מאכן א "גורל להבא", למשל מען זאל מאכן א גורל צי מען זאל מאכן די און די געשעפט און מען וועט מצליח זיין, אדער צי מען זאל מאכן א אפרעישן און דאס וועט געלונגען וכדומה, אבער "גורל בהוה" דאס מיינט מאכן א גורל ווער ס'זאל זיין ערשט, אדער ווער ס'זאל געווינען די און די זאך, מעג מען און עס איז נישט שייך ביי דעם "תמים תהיה עם ד' אלקיך", אזוי ווי מען זעט אין די תורה אז מען האט געמאכט א גורל ביי חלוקת הארץ, אזוי אויך האט מען געמאכט גורלות אין בית המקדש א.ד.ג.

דער חיד"א ברענגט אין (ספר שיורי ברכה) א ילקוט משלי וואס שרייבט "אם בקשת ליטול עצה מן התורה הוי נוטל", דאס מיינט אז אויב איינער וויל וויסן וואס ער האט צו טון, זאל ער עפענען א חומש א.ד.ג. און קוקן אויף די פסוקים וואס עס שטייט דארט, און פון דעם וועט ער וויסן וואס ער האט צו טון, און אזוי שרייבט דער שבט מוסר אז ער האט מקבל געווען פון זיינע רבי'ס אז ווען זיי האבן געוואלט עפעס טון און זיי זענען געווען מסופק צי זיי זאלן עס טון, האבן זיי גענומען א חומש אדער איינע פון די תנ"ך, און זיי האבן דאס געעפנט, און געקוקט אויף די ערשטע פסוק וואס שטייט פון אנהייב פון די בלאט,

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

און פון דעם האבן זיי געזען וואס זיי האבן צו טון.

לכאורה זעט מען אז פון די תורה מעג מען נעמען א עצה אפילו להבא.

און אזוי איז באקאנט אז דער גר"א האט געמאכט א גורל, וואס פון דעם האט מען גענומען א עצה אפילו להבא, און אזוי האבן זיך געפירט פארשידענע גדולי ישראל.

אבער די פוסקים שרייבן אז לאו כל אדם זוכה לכך, כדי מען זאל מאכן א גורל אויף עתידות דארף מען זיין א צדיק וואס איז ראוי צו דעם, אבער סתם מענטשן זאלן נישט טון אפילו אזא סארט גורל.

## דרך אגב

רבינו הקדוש זי"ע פלעגט זיך פון מאל צו מאל באנוצן מיט דעם מיטל אין שווערע פעלער, א יונגערמאן האט אמאל מזכיר געווען זיין בני בית אז זי דארף א ישועה, און ער האט געפרעגט דעם רבי'ן זי"ע אז אזוי ווי די דאקטוירים האבן געזאגט אז מען דארף איר מאכן אן אפאראציע, וויל ער וויסן צי ער זאל דאס לאזן מאכן, רביה"ק האט זיך אויפגעהויבן פון פלאץ, ער האט גענומען א קאמארנא חומש און צו געגאנגען צו זיין שטענדער, און ער האט געזאגט אויפן קול עטליכע מאל "אוריאל" א נאמען פון א מלאך, און ער האט געעפנט דעם חומש, און ער האט אריין געקוקט אין די פסוקים ווי עס האט זיך געעפנט, און ער האט געזאגט, מען זאל מאכן די אפאראציע.

## גורל להוה

אבער סתם א גורל אויף די הוה, גייט נישט אריין אין כלל פון תמים תהיה עם אלקיך, למשל: מאכן א גורל ווער זאל געווינען די און די חפץ א.ד.ג, אבער אויך אזא גורל איז מן השמים, און עס איז נישט סתם א אפמאך ביי מענטשן וואס קענען באשטיין אפצומאכן לויטן גורל.

אזוי ווי מען טרעפט אין שו"ת חוות יאיר (סימן ס"א) ער ברענגט א שאלה, פון איינעם וואס האט געמאכט א גורל, און נאכן מאכן די גורל האט מען געזען אז איין נאמען האט מען פארגעסן אריין צו לייגן, און מען האט געוואלט איבער מאכן דעם גורל, און דער וואס האט געווינען דעם גורל האט געטענה'ט, איך בין זיך דורכגעקומען מיט דעם וואס מען האט פארגעסן צו לייגן זיין נאמען, ממילא האט מען בכלל נישט קיין תביעה איבער צו מאכן די גורל.

האט דער חוות יאיר געפסק'נט אז די גורל איז בטל, און מען דארף עס איבער מאכן, און כאטש און על פי סברא איז דער זוכה בגורל גערעכט, פונדעסטוועגן א גורל איז א הימלישע זאך, און א גורל וואס איז נישט הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן אפילו בשוגג, קען מען נישט מסכים זיין דערצי' אין הימל.

און ער פירט אויס, אז אפילו איינער האט אריין געלייגט בשוגג אדער אפילו במזיד צוויי מאל די זעלבע נאמען, און א צווייטער האט זוכה געווען בגורל, קען קומען דער מענטש וואס האט אריין געלייגט די צוויי צעטלעך און זאגן אז דער גורל איז פסול, און מען דארף איבער מאכן די גורל, וויבאלד עס איז נישט הונדערט פראצענט א כשר'ע גורל, קומט אויס אז יעדע גורל וואס איז נישט הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן, איז דער גורל נישט כשר.

* עס איז באקאנט א מעשה, איינער האט געמאכט א גורל אויף א געוויסע חפץ, און נאכן ארויסציען דעם גורל האט מען זושפרייט אלע צעטלעך אויף די ערד, און די קינדער האבן דאס געכאפט, און זיי האבן באמערקט ווי אז עס שטייט צוויי מאל די זעלבע נאמען, דאס מיינט מען האט בטעות אריין געלייגט צוויי מאל די זעלבע נאמען.

רבי יהושע לייב דיסקין איז דעמאלטס געווען א קינד, און ער האט אויסגערופן אז די גורל איז פסול, און מען דארף איבער מאכן דעם גורל.

האט מען אים געזאגט, ווען דער מענטש וואלט טאקע געווינען, ביסטו גערעכט, ווייל עס קען זיין אז די צעטל וואס מען האט ארויס גענומען איז די צווייטע צעטל, וואס ער האט אריין געלייגט, אבער ביי דעם פאל האט ער דאך בכלל נישט געווינען, פארוואס איז דער גורל פסול.

האט ער מסביר געווען, איך וויל אייך פרעגן, וויאזוי וואלט געווען די הלכה ווען נאכן מאכן דעם גורל זעט מען אז איין צעטל פונעם גורל האט געפעלט בשעת ארויס צוען די גורל, איז דער גורל כשר?, האט יעדער געזאגט, אז ביי אזא פאל ביסטו גערעכט אז מען דארף איבער מאכן דעם גורל, ווייל אפשר וואלט דער מענטש געווינען.

האט רבי יהושע לייב ווייטער געפרעגט, און וויאזוי וואלט געווען די הלכה ווען דער איד וואס מען האט אריין געלייגט זיין נאמען דאפלט וואלט געווינען, און נאכדעם טרעפט מען אז בטעות האט מען אריין געלייגט זיין נאמען דאפעלט, וואלט ער זוכה געווען אינעם גורל?, האט יעדער געענטפערט, אודאי נישט, ווייל קען זיין אז די צעטל וואס מען האט ארויסגענומען, דאס איז די טעות'דיגע צעטל.

האט רבי יהושע לייב אויסגעפירט, אויב אזוי קומט אויס אז דער נאמען פון דעם איד וואס מען האט טעות אריין געלייגט צוויי מאל, ווערט באטראכט כאלו עס איז בכלל נישט געווען אין גורל, ווייל ער וואלט נישט געקענט געווינען ביי דעם גורל, ממילא איז די גורל פסול, יעדער איז ארויס פון התפעלות פון די חכמה פון קינד.

און לויטן חוות יאיר, קען מען זאגן פשוט פארוואס איז דער גורל פסול, וויבאלד עס איז נישט געמאכט געווארן ריכטיג.

דעריבער איז זייער וויכטיג אז ווען מען מאכט א גורל זאל מען אכטונג געבן אז דאס זאל זיין אויסגעהאלטן הונדערט פראצענט, ווייל אויב עס איז דא עפעס א טעות אפילו בשוגג, איז די גורל פסול, און אזוי ווי עס קען זיך ביים מאכן א גורל אסאך טעותים און ספיקות, דעריבער איז ראטזאם אז מען זאל נישט מאכן קיין גורל נאר בפיקוח פון א מורה הוראה, ווייל עס מאכט זיך אפט פארשידענע שאלות ביים מאכן א גורל, למשל:

1. עס מאכט זיך אז נאכן מאכן די גורל טרעפט מען ביכלער אדער נעמען וואס זענען נאך נישט צוריק געקומען.

2. עס מאכט זיך אז עס ווערט פארלוירן עטליכע צעטלעך.

3. עס מאכט זיך אז עס קומט נישט אריין געננוג געלט, און עס לוינט זיך נישט צו מאכן די גורל.

4. אויך מאכט זיך א שאלה צי מעגן זיך צוזאמען שטעלן צוויי בעלי גורלות און מאכן איין גורל צוזאמען.

און אזוי מאכט זיך פארשידענע שאלות, וואס דאס קען נאר פסק'ענען א מורה הוראה.

און יעצט בנוגע די שאלה, צי די גבאים פון די קאסע פונעם גורל מעגן אריין לייגן ליידיגע צעטלעך, אז דאס זאל גיין אויף די נאמען פון די אקציע, עס איז א ערנסטע שאלה, ווייל קיינער פון די קויפערס, וויל נישט אז עס זאל זיין א שטח הפקר, און מען זאל קענען צולייגן וויפיל צעטלעך מען וויל.

אבער ווען מען מאכט א גורל בפיקוח פון א מורה הוראה, וועט ער אויסארבעטן א וועג אז די גורל זאל זיך פירן על פי הלכה, און ער וועט פסקענען אויך אויף די שאלה.



# פתיחת כלים בשבת

בו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו
נכתב ע"י הרה"ג ר' **נתן ירמי' גאלדשטיין** שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

המשך משבוע העבר

## סעיף ד - תפירה של קיימא

מן התורה איז אסור אלץ תופר, נאר א זאך וואס איז געמאכט געווארן "לקיימא" ד.ה. אז עס זאל זיך האלטן פאר אייביג.

א זאך וואס איז א ספק צו מען גייט עס אמאל עפענען, הייסט אויך "לקיימא", און איז אסור מדאורייתא (אזוי ווי ביי 'קושר', זעה ווייטער פרק ו'-ב סעיף ב').

אויב עס איז געמאכט געווארן אז מען זאל עס שפעטער עפענען אדער צורייסן, איז עס אסור נאר מדרבנן. און אויב עס איז געמאכט געווארן צו עפענען אדער אויפרייסן נאך איינעם זעלבן טאג, איז עס מותר לכתחילה סיי צו פארקלעבן און סיי צו אויפרייסן.[1]

א זאך וואס מען פארנייט אדער מען פארקלעבט אויף מער ווי איין טאג, אבער פאר ווייניגער פון זיבן טעג, איז א מחלוקת הפוסקים. עס זענען דא וואס זאגן אז דאס הייסט שוין 'לקיימא', און עס איז אסור דאס צו פארמאכן אדער אויפרייסן שבת, אבער עס איז דא וואס זענען מיקל.

למעשה, ביי א זאך וואס איז געמאכט צו האלטן ווייניגער ווי זיבן טעג, קען מען מיקל זיין דאס צו אויפרייסן מיט א שינוי, צום בײשפיל מיט די פארקערטע זייט פון די האנט. אויב קען מען נישט דורך א שינוי, מעג מען עס עפענען דורך א קטן [לויט דעם קומט אויס, אז א פאפירענע מילך פלעשל וויבאלד (זעה פרק ט' סעיף א')

[1] עס איז וויכטיג צו באמערקן אז 'נייען מיט א פאדעם' איז אסור אפילו פאר ווייניגער ווי א טאג! דאס וואס מיר האבן געשריבן אז תופר איינעם זעלבען טאג איז מותר לכתחלה, דאס איז נאר ביים צוזאמקלעבן זאכן איינס מיטן צווייטן (כמו שנתבאר בספרנו פתיחת הכלים בלה"ק פרק ד' סעיפים י"א י"ב).

געווענליך ווערט עס פארקלעבט פאר ווייניגער ווי זיבן טעג, קען מען עס עפענען דורך א שינוי, און אויב קען מען נישט מיט א שינוי מעג מען עס עפענען דורך א קטן. אזעלכע פלעשער וואס קומען אן אין די געשעפט נאך אין דעם זעלבן טאג וואס עס איז געווארן פארקלעבט, למשל די מילך וואס מען פארקויפט אין קאנאדע פון די קאמפאני "מהדרין", מעג מען עפענען אפילו אן א שינוי].

בעגס פון פארשידענע סארט עסנווארג, ווי פאטעיטא טשיפס א.ד.ג. (זעה פרק י' סעיף ה'), ווערט געווענליך פארקלעבט אויף מער ווי זיבן טעג, ממילא טאר מען עס נישט עפענען **שבת** (מדרבנן). די זעלבע זאך איז מיט באקסעס וואס ווערט פארקלעבט מיט טעיפ אויף א לענגערע צייט (צ.ב. באקסעס סאדע, וויין, אדער גרעיפדשוס א.ד.ג.), טאר מען שבת נישט אויפרייסן די טעיפ (זעה פרק ט' סעיף ט').

## סעיף ה - הארטע זאכן

די מלאכה פון קורע אדער תופר איז נאר שייך ווען מען נייט צוזאם [אדער מען קלעבט צוזאם] ווייכע זאכן (אדער צוויי עקן פון א ווייכע זאכן), אבער ביי הארטע זאכן איז נישטא דער איסור פון קורע אדער תופר.

דעריבער, אויב מען נייט צוזאם (אדער מען קלעבט צוזאם) א הארטע זאך מיט א ווייכע זאך, איז נישט דא דערביי קיין איסור פון תופר און נישט פון קורע (וויבאלד די מלאכה פון תופר איז נאר שייך ווען מען 'נייט צוזאמען צוויי זאכן', דעריבער, אזוי ווי ביי די הארטע זאך איז נישט שייך קיין 'תופר', הייסט דאס נישט אז מען נייט צוזאם 'צוויי' זאכן).

קומט אויס לויט דעם, אז צו אראפרייסן די פאפיר וואס קומט אויף א פלעשל קאווע א.ד.ג. (זעה פרק ז' סעיף ט') קען מען מיקל זיין, וויבאלד די פלעשל איז געמאכט פון גלאז אדער פון א הארטע פלעסטיק, ממילא איז נישט דא קיין איסור פון קורע ווען מען רייסט אראפ די פאפיר פון די פלעשל, אפילו אויב מען רייסט אויף די פלאץ וואו עס איז פארקלעבט.

## סעיף ו - וואס הייסט ווייך

אין פריערדיגן סעיף איז ערקלערט געווארן אז עס איז נישט דא קיין איסור פון קורע אדער תופר ביי הארטע זאכן נאר ביי ווייכע זאכן, דארף מען אויב אזוי וויסן וואס הייסט א 'ווייכע' זאך, און וואס הייסט א 'הארטע' זאך.

די סברא געט מיט, אז יעדע זאך וואס 'מען קען איינבייגן' הייסט א ווייכע זאך, למשל ביי ווייכע פלעסטיק וועט זיין א איסור פון קורע אבער נישט ביי הארטע פלעסטיק. דערפאר, רוב קאנטעינערס אדער האלטערס פון פלעסטיק, ווי למשל יאגורט, לעבען, קאטעדש טשיז, א.ד.ג. אפילו עס איז טאקע אביסל הארט, הייסט עס נאך אלץ ווייך, וויבאלד מען קען עס איינבייגן, און אפילו ביי די זוים פון די האלטערס וואו עס איז אסאך מאל דא דיקערע פלעסטיק, קען מען עס אויך איינבייגן. דערפאר האט עס נישט קיין דין ווי א הארטע זאך, און עס איז דא דערביי אן איסור פון קורע, (זעה פרק י' סעיף ט"ו, אז מען טאר נישט עפענען די זילבערנע פאפיר פון א יאגורט אדער לעבען א.ד.ג. אויף דעם פלאץ וואו עס איז פארקלעבט).

אבער די פלעשלעך וואס זענען געמאכט פון הארטע פלעסטיק, וואס מען קען נישט בייגן (אדער אז עס זייער שווער צו בייגן), וו.צ.ב. פלעשער קאווע, אדער ווייטאמינען פלעשלעך, א.ד.ג. דאס הייסט יא א הארטע זאך, און עס איז נישטא ביי דעם קיין איסור פון תופר און קורע.

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## אם בחקותי תלכו - שתהיו עמלים בתורה

עס ווערט געברענגט פון הרה"ק בעל יסוד העבודה זי"ע, אז אלץ אינגערמאן האט ער נישט געוואוסט וואס דאס איז הארעווען אויף תאוות, זאגענדיג, מיר פלעגן זיין אריינגעטון דעם מח און הארץ און לערנען א גאנצן טאג, און ביינאכט פלעגט מיר פאלן שלאפן פארמאטערט, און דאס איז שתהיו עמלים בתורה, אז דורך עמילות בתורה פארגעסט מען פון אלע תאוות, און מען קען דעמאלטס מקיים זיין אם בחוקותי תלכו.

*

עס איז באקאנט אז רבינו הק' זי"ע פלעגט כסדר זאגן פאר די בחורים אז מען דארף אזוי שטארק הארעווען א גאנצע טאג אז ביינאכט זאל מען גלייך איינשלאפן.

*

עס איז אמאל אריינגעקומען צום חפץ חיים איינער פון זיינע תלמידים זיך אפרעדן אז ער לערנט און ער איז נישט מצליח צו ווערן א גדול בתורה, האט אים דער חפץ חיים צוריק געפרעגט, ווי שטייט אז מען דארף וואקסן א גדול אדער א גאון, עס שטייט דאך נאר שתהיו עמלים בתורה.

*

דער הייליגע קדושת ציון פון באבוב זי"ע הי"ד איז אלץ קינד געווען ביי רבי יהושע מ'בעלזא זי"ע, האט אים דער בעלזא רב געפרעגט 'וואס איז טייטש אם בחוקותי תלכו', און די קדושת ציון האט פארשטאנען אז בעלזא רב וויל עפעס אויספירן מיט דעם, איז ער שטיל געבליבן, האט אים בעלזא רב געזאגט, 'די וועלט זאגט אז דער בעלזער רב טייטשט אם בחוקותי תלכו מיינט, אז מען דארף גיין מיט א ספאדיק, אבער דאס איז נישט ריכטיג, נאר וואס דען טייטש איך, אם בחוקותי תלכו אז מען דארף נאכגיין יעדע הלכה און נזהר זיין אין יעדע קליינע מנהג, און מען זאל זיך גארנישט אוועקריקן פון דעם אלטן אויסגעטרעטענעם וועג אפילו אן אפס קצהו, און אפילו זאכן וואס עס שטייט נישט ארויסגעשריבן אין די תורה, און אפילו זאכן וואס מענטשן האלטן נישט חשוב, ווי למשל די לבוש, דארף מען נאכגיין ווי א חק בלי טעם, אויב אזוי אויב די אידישע לבוש איז א ספאדיק, דעמאלטס קומט אויס אז אם בחקותי תלכו מיינט טאקע אז מען דארף גיין מיט א ספאדיק'.

*

רביה"ק זאגט אין פתגמי קודש אויף אם בחוקותי תלכו וגו' ונתתי גשמים בעתם, אז די השפעות וואס קומט אראפ אויף די גאנצע וועלט, דאס אלעס ווענדט זיך אין א יעדע איד, יעדע איד האט די כח אויב ער פירט זיך על דרך התורה צו משפיע זיין חסדים פאר די גאנצע וועלט.

און די הייליגע רבי' ברענגט צו א מימרא פון הייליגן צאנזער רב, וואס ער האט געזאגט אויף זיך אז אין זיינע אינגע יארן האט ער געמיינט אז ער גייט קענען פאררעכטן די גאנצע וועלט, ווען ער איז עלטער געווארן, האט ער איינגעזעהן אז ער קען דאס נישט, האט ער נאך געטראכט אז ער גייט פאררעכטן זיין גאנצע לאנד, נאכדעם האט ער איינגעזעהן אז דאס אויך נישט, האט ער נאך פרובירט אויף זיין שטאט, נאכדעם האט ער געזעהן אז אפשר זיין משפחה קען ער פאררעכטן, נאכדעם האט ער איינגעזעהן אז ער דארף כאטש פרובירן זיך צו פאררעכטן.

איז די רבי' מסביר, נישט אז ער האט צוריק געצויגן פון וואס ער האט געהאלטן פון צו פאררעכטן די גאנצע וועלט, נאר ווען ער איז עלטער געווארן האט ער איינגעזעהן אז דורך דעם וואס ער פאררעכט זיין מדינה גייט דאס משפיע זיין צו מתקן זיין די וועלט, און אזוי ווייטער און ווייטער, ביז ער האט איינגעזעהן אז ווען ער גייט זיך פאררעכטן דורך דעם וועט די גאנצע וועלט האבן א תיקון.






# הרה"ק רבינו רבי אליעזר צבי מקאמארנא זי"ע בעל דמשק אליעזר

**דעם קומענדיגן מאנטאג במדבר כ"ד אייר הבעל"ט געפאלט אויס די יומדל"ק פון רבינו רבי הרה"ק רבי אליעזר צבי סאפרין מקאמארנא זי"ע.**

## ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי אליעזר'ל פון קאמארנא איז געבוירן געווארן צו זיין הייליגע פאטער רבי אייזיק'ל קאמארנער בעל זוהר חי זי"ע, אין יאר תק"ץ.

רבי אליעזר'ל האט נאך זוכה געווען זיך צו דרייען ביי זיין פעטער הרה"ק רבי משה מ'סאמבור זי"ע און מקבל געווען תורה וחסידות, אזוי אויך האט ער מקבל געווען תורה וקדושה ביי זיינע רבי'ס, הרה"ק רבי יהודה צבי מ'ראזלא זי"ע, הרה"ק רבי יצחק אייזיק מ'זידיטשוב זי"ע, אזוי אויך האט ער געהאלטן זיין טאטע רבי אייזיק'ל פאר רבו מובהק.

אין יאר תרל"ד האט ער ממלא מקום געווען זיין טאטע רבי אייזיק'ל אין שטאט קאמארנא. איידער רבי אייזיק'ל איז נסתלק געווארן האט ער צוזאמגערופן אלע זיינע קינדער און נאנטע, און דאן במעמד רב האט ער געקליידעט זיין זוהן רבי אליעזר מיט זיינע ווייסע בגדי שבת, און אים געהייסן זיך אנידערזעצן אויף זיין בענקל במקום אשר אדמת קודש הוא.

ווען די רעבעצין האט דאס צוגעזעהן האט זי אנגעהויבן שטארק צו וויינען, אבער רבי אייזיק'ל האט איר בארואיגט זאגענדיג אז מען דארף זיך פרייען און זיין בשמחה, אז אונז האב מיר זוכה געווען צו זעהן וויאזוי אונזער טייערער זוהן איז ראוי צו זיצן דא און אנהייבן וואונטשן אסאך ברכות פאר אידן. דאן האט רבי אייזיק'ל געזאגט אז ער איז מסמיך רבי אליעזר'ל צו זיין רבי, און ער גיבט אים איבער זיינע הייליגע כוחות צו ווייזן וואונדער פאר אידן.

כאור החמה איז רבי אליעזר'ל געווארן פארשפרייט בקרב הארץ, ווי מאסן אידן זענען זיך געקומען ווענדן צו איהם און האבן סיי ווען אנגעקלאפט אויף זיין טיר לישועה ברכה ולהצלחה, אזוי אויך פילע רבנים אדמורי"ם מפורסמים.

# באור הילולא

**תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט**

רבי אליעזר'ל האט מחבר געווען הייליגע חיבורים וואס טראגט א באזונדערע הייליגקייט בכל תפוצות ישראל, זיי זענען געדריקט אין זיינע הייליגע ספרים וואס פארשיינען נאך עד היום הזה די גאנצע וועלט, בן ביתי עה"ת, בן ביתי על תהלים, דמשק אליעזר פירוש על זוה"ק, זקן ביתו על פרקי אבות, אור עינים על ערכי קבלה, אזוי אויך זענען פארהאנען מכתבים ותורות וכו' אין די ספרי בית קאמארנא.

### קדושת יומא דהילולא של הרה"ק מהרא"צ מקאמארנא זי"ע:

הילולת רבי אייזיק'ל, יום כ"ד אייר, חל לעולם באותו יום בשבוע שיחול בו יום הקדוש הבא אחריו, וכן חל ביום זה בשבוע גם הילולת אביו הק' רבי אייזיקל ביום י' אייר, וכן הילולת הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע ביום ט' סיון, כל אלה חלים ביום שיחול יום הקדוש הבא אחריו.

(עבודת עבודה שיח"ק ח"ב עד"ר)

רבי אליעזר'ל איז נסתלק געווארן כ"ד אייר תרנ"ח לפ"ק, און איז געקומען למנוחת עולמים אינעם שטאט קאמארנא, נעבן די ציון הק' פון זיין הייליגע פאטער רבי אייזיקל, זי"ע.

## מאמרותיו הטהורים

רבי אליעזר'ל האט אמאל געזאגט, זיצנדיג ביי א חנוכה סעודה, יעדע איד האט א ניצוץ אין זיין הארץ פון אברהם אבינו, כדי זיך צו קענען דערנענטערן און מקרב ווערן צום אויבערשטן.

נאך האט רבי אליעזר'ל אמאל געזאגט, א עצה אנטקעגן א 'חלום רע', איז צו לערנען גמרא מיט רי"ף, און די חלום וועט זיך איבערדרייען צום גוטן.

## דמשק אליעזר - פירוש על זוהר הק':

רבי אליעזר'ל איז געווען א גאון הגאונים, ער איז געווען בקי אין נגלה און אין נסתר, מען האט אים באטיטלט 'רבי אליעזר הגדול'. רבי אליעזר'ל האט זיך שטענדיג פרובירט אויסצובאהאלטן פון מענטשליכע אויגן, און פרובירט צו פארהוילן זיינע גרויסע מדריגות פון מענטשן, און פלעגט זיך פירן אויף א פשוטע וועג, כדי מענטשן זאלן נישט באגרייפן זיינע גרויסע כוחות וואס ער פארמאגט אין זיך.

רביה"ק זי"ע אין עבו"ע (שיח"ק ח"ב רס"ז) זאגט אז די פירוש דמשק אליעזר אויף די ספר הזוהר, גיבט א ביישפיל פון די גרויסקייט פון רבי אליעזר'ל אין זיין נגלה און נסתר.

דער הייליגער סבא קדישא זי"ע האט געהערט מפה קדשו פונעם הייליגן רבי אליעזר'ל, בשעת ער האט געשריבן די פירוש דמשק אליעזר אויפן זוהר: 'מיר מאכן א פירוש אויפן זוהר, אז אפילו א קינד פון זעקס יאר זאל פארשטיין דעם זוהר', ווען רביה"ק האט דאס נאכדערציילט האט ער אויסגעפירט: 'כי זאת היתה דרכם של רבותינו מזידיטשוב וקאמארנא, שבני ישראל לא ימנעו עצמם מלימוד הזוהר אף בנערותם'.

דער איידעם פון רבי אליערל, הרה"ק רבי יודא צבי טויב ז"ל האט פארציילט, אז אין די טעג וואס זיין שווער רבי אליעזר'ל איז געווען פארנומען מיטן שרייבן די פירוש דמשק אליעזר אויפן זוהר, האט ער געזעהן אין זיין חלום ביינאכט ווי מען ווייזט אים פון הימל זיינע חידושים וואס ער שרייבט, און מען האט אים געזאגט אז דאס מאכט א רעש גדול אין אלע עולמות.

## - די ספעציעלע התקשרות פון רבינו הסבא קדישא זי"ע צום בעל ההילולא זי"ע -

דער הייליגער סבא קדישא זי"ע איז געווען א תלמיד מובהק פון רבי אליעזר'ל מקאמארנא - בעל ההילולא.

דער סב"ק פלעגט פארן צו איהם אין א משך פון 11 יאר צייט, און איז געווען מורא'דיג

באליבט אין די אויגן פון רבי אליעזר'ל. עד כדי כך אז ער איז געווען פארערכענט ביי איהם אזוויו' זיין אייגן קינד, אזוי ווי רבי אליעזר'ל האט זיך זעלבסט אמאל אויסגעדריקט צום סבא קדישא, 'אלעס וואס איך גיב פאר מיינע קינדער גיב איך פאר דיר'.

דאס זעלטענע התקשרות פונעם סבא קדישא צו רבי אליעזר'ל, האט שוין רבי אייזיק'ל פאראויסגעזאגט ברוח הקודש פארן הייליגן שרף זי"ע מיט אסאך יארן פריער, זיך אויסדריקענדיג: 'אז איר וואלט מיר באגלייט איבער דעם בריק, וואלט איר געווען אונזערס, אבער אז איר ווילט נישט וועט אייער קינד זיין אונזערס', און דאס האט ווירקליך פאסירט שפעטער ווען דער סבא קדישא האט זיך אנגעקניפט אין רבי אליעזר'ל. (עיין העובדא במילואו בעבודת הלויים ח"ב עמוד שי"ב)

רביה"ק זי"ע דערציילט (עבו"ע שיח"ק ח"ב רע"ג) אז דער הייליגע סב"ק האט עטליכע יאר נאך זיין חתונה נאכנישט זוכה געווען צו קיין זרע של קיימא, ביז ער איז נתקרב געווארן צו רבי אליעזר'ל סוף שנת תרמ"ז, דאן ביים זיך אויסבעטן ביי רבי אליעזר'ל פאר זש"ק האט אים רבי אליעזר'ל געגעבן צו טרינקן 'בושטין', א געוויסער געטראנק אזוי ווי טיי, און דאן איז ער געהאלפן געווארן, האבענדיג דערנאך 5 הייליגע קינדער.

דער סבא קדישא פלעגט גאר אסאך און אפט פארן ווילן ביי רבי אליעזר'ל אין קאמארנא, ער פלעגט איינשטיין ביי רבי אליעזר'ל אזוי ווי א קינד ביי זיין טאטע, וואוינענדיג אינעם הויז פון רבי אליעזר'ל פלעגט דער סב"ק גאר אסאך פארברענגען און לערנען מיט רבי אליעזר'ל, און דאן האט זיך דער סבא קדישא אנגעשעפט און קונה געווען פיל מיט הויפענעס תורה וחסידות פון זיין הייליגן רבי'ן, רבי אליעזר'ל מקאמארנא.

רבי אליעזר'ל האט געזאגט פארן סבא קדישא: 'איבער די הונדערט יאר זאלסט דיך נישט פארכטן, זאלסט דיך אנכאפן אין מיין בעקיטשע'.

עטליכע טעג איידער רבי אליעזר'לס פטירה, האט ער מסדר געווען אז יעדע נאכט זאל א צווייטע זוהן קומען אים משמש זיין, דאן האט ער פאר יעדעם באזונדער אויסגעלערנט גאר הויעכע השגות, איינע פון די נעכט איז געפאלן די רייע פון דער סבא קדישא צו משמש זיין רבי אליעזר'ל, טראץ וואס דער סבא קדישא איז בלויז געווען דאן 33 יאר, דאך האט אים רבי אליעזר'ל אויסגעלערנט ענינים גבוהים ורמים, און אין יענעם נאכט האט רבי אליעזר'ל אויך מסמיך געווען דער סבא קדישא מיט סמיכה צו ווערן א רבי, און אים געגעבן כוחות צו פועלן ישועות, זאגענדיג: 'דו קענסט לייגען א קוויטל און דו קענסט טרייבן א פערד'. ומי יעמוד בסוד קדושים.

רביה"ק דערציילט (עבו"ע שם) אז דער סבא קדישא האט פארציילט אז אין יענעם נאכט זייענדיג ביים הייליגן רבי אליעזר'ל הארט בעפאר זיין הסתלקות, האט אים רבי אליעזר'ל דערביי געזאגט, אז ער זאל נישט טוישן קיין מנהגים פון א שטאט וואס מען האט זיך דארט געהאט געפירט פארדעם אנדערש. אט אזוי' האט זיך טאקע דער סבא קדישא געפירט, ווען אמאל האט זיך דער סבא קדישא באטייליגט ביי א שמחת השבע ברכות פון איינע פון די שטאט-לייט, און די מנהג אין קאמארנא איז אז מען זאגט די פיוט פון 'דוי הסר' נאר ביי די חתונה, אבער ביי די שבע ברכות נישט, אבער דאן ביי יענעם שמחה וואס איז געווען אין א אנדערע שטאט האט דער סבא קדישא יא געזאגט 'דוי הסר', ווען די ארומיגע מקורבים האבן געפרעגט דעם אורזאך דערפון, פארן פארענדערן און יא זאגן 'דוי הסר', האט דער סבא קדישא געענטפערט דאס אויבנדערמאנטע, אז רבי אליעזר'ל האט אים געזאגט אז ער זאל נישט משנה זיין קיין מנהגים אין שטעט ווי מען פירט זיך אנדערש, און דאס האט דער סבא קדישא אנגעהאלטן, און אנגענומען ווי א צוואה פונעם הייליגן רבי אליעזר צבי מקאמארנא זי"ע.

**ויושר יליצו בעדינו חיות**
**אש זכותו הגדול והקדוש**
**יגן עלינו ועל כל ישראל -**

# לוח היארצייטן



## יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| כ"ד אייר | הרה"ק רבינו אליעזר צבי בן רבינו יצחק אייזיק יהודה יחיאל זי"ע - מ'קאמארנא - דמשק אליעזר | תרנ"ח |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"ג אייר | הרבנית הצדיקת ברכה חנה ז"ל בת רביה"ק מרן משולם פייש סג"ל זי"ע | תשס"ז | אוהל הק' של רביה"ק זי"ע |
| כ"ג אייר | האשה החשובה מרת פרומט בת ר' דוב ע"ה | תרצ"ג | ביה"ח בטאהש אונגארן |




## עובדות מאבוה"ק על השכמתם

ג. כדי לעורר את הלבבות להשכמה היה מספר בהרחבה את מה שזכה לראות עבודת ההשכמה אצל אבוה"ק נבג"מ, שהעמידו כל סדר יומם בסדר ובזמן קבוע לפי חשבון, וגם היתה ההשכמה אצלם חק ולא יעבור, ואיך עסקו בלילות בהכנה לתפילה עם לימוד כמה חלקי התורה שבע"פ וזוהר ותהלים, וטבילת המקוה [ג] .

## שעת רחמים ועת רצון

ג. עוד אמר בסגולת השעות של אשמורת הבוקר, כי אז הוא עת רצון מיוחד ושעת רחמים לקבוע בלב קבלת עול מלכות שמים, ולעסוק בתשובה, ולהתחנן לבורא עולם לפעול ישועות ולהמשיך השפעות טובות ג) [ד]. ולכן על כל אחד לעשות חשבונו של עולם ליתן אל לבו וכי כדאי להפסיד כל המעלות הללו, ובודאי יתאמץ לנצל את אותם השעות.

### מעיינות הלוי

ג) הרה"ק הרבי ר' אלימלך זי"ע בהנהגות האדם (אות א) כתב, וצריך להתפלל להשי"ת שיבא אל האמת, כי חטאת נעורים של האדם הראשון מסמין עיניו וכו', לכן צריך האדם להתחרט מאוד על עונותיו ולהתבודד עצמו קודם אור היום, שאז עת רצון לבכות על גלות השכינה פעמים הרבה עד אין חקר, ויבכה בדמעות וכו'.

ובספר סור מרע ועשה טוב (הנהגה א) כתב, והנה אחי אין לך מבחר העת להתבודדות ופרישות וכו' כי אם בשעה זו, לעמוד ולבקש על נפשו האומללה אשר נתרחקה בעוותותה מן מקור המים החיים הזכים וכו', וידבר מעל לבו כעבד לפני רבו בכריעה ובהשתחויה וכו' בדברים רכים לאשפלא גרמה, בפסוקי דרחמי לאמר כבן לפני אביו, ובכל לשון אשר ידבר בתפלה בלשון המדינה שמדבר בלשונה ושומע, למען ירוץ דבריו מהרה מכאב לב אשר כואב על עונותיו ופשעיו, ויבקש מחילה וסליחה וכו', ויקבל על עצמו ויבקש מאלהי עושו יוצרו ובוראו, אשר יעזרהו אלקי אמת ה' לעבודתו וליראתו בלב שלום ובאמת, ויאריך בענין זה. אחי, זה בודאי נבחר מכל התעניתים וכו', וזה הוא תכלית קימת חצות וכו'.

### בארות הלוי

[ג] אא"ז הק' זי"ע בעודו אברך אחר נשואיו דר בכפר טשאסער, והתפרנס ממה שהלך מבית לבית למכור יין שרף, ופעם היו בני אדם שצחקו מפרנסתו הדלה, אמר להם אא"ז הק' 'וואס לאכט איר, די נעכט זענען מיינע' [-מה אתם צוחקים, הלילות הם שלי], היינו כי אף שביום היה מכתת רגליו לצורך פרנסתו, אבל בלילה נדד שינתו מעיניו כדי לעסוק בתורה.

ומזה אשר אא"ז עסק בתורה בלילות, השתלשלו הדברים שהתקבל לאב"ד ק"ק טאהש, כי לאחר זמן עקר את דירתו מכפר טשאסער לעיר טעגלאש, ואנשים שנסעו מעיר טאהש לדעברעצין לצורך מסחרם, עברו דרך עיר טעגלאש, וכאשר נסעו דרך שם באישון לילה, שמעו קול ערב של עסק התורה יוצא מבית אחד, וכאשר ראו כי הדבר נשנה פעם אחר פעם, הביטו מבעד החלון לראות מי הוא זה שמנדד שנתו מעיניו לילה אחר לילה, וראו את אא"ז יושב ועוסק בתורה, והביטו אחרי מעשיו במשך היום, וראו כי זה צדיק נסתר, וסיפרו הדברים לראשי קהלתם בטאהש, והם באו והפצירו בו שיבוא לשמש לרב בעירם. וכיון שהרבנות דק"ק טאהש התגלגלה ע"י לימוד התורה בלילות, הרי בקהלה הזאת מוטל חוב יתירה לקיים ענין זה.

ואף שאין בכחנו להיות ערים כל הלילה כמו אא"ז הק', יש בכחנו על כל פנים לקום באשמורת הבוקר בעוד לילה לעסוק בתורה, שעל ידי לימוד התורה בעת ההיא אפשר לשאוב אוצרות של תורה ויראת שמים, וכמו שהרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זי"ע כתב פעמים רבות בספריו הק' כי עיקר היהדות קונה האדם על ידי עסק התורה באשמורת הבוקר וכו'.

ואף מי שטרוד כל היום במשא ומתן, בימי החורף האלה שהימים קצרים, אפשר לו לקיים דבר זה בניקל, לקום בעוד לילה לעסוק בתורה, אלא שצריך להאמין שלא יחסר לו עי"ז מפרנסתו, ויש להמליץ על זה את הכתוב (תהלים צב, ג) 'ואמונתך בלילות', שאם יש לאדם אמונה, עוסק בתורה גם בלילות (פתגמ"ק ח"א עמ' קפג).

אא"ז הק' זי"ע התפרנס אחר חתונתו ממכירת יין שרף, שהלך מבית לבית עם בקבוק יין שרף בידו למכור. פעם צחקו כמה אנשים ממנו, איך הוא מכתת רגליו בעניות גדולה כל כך, אמר אא"ז הק' "וואס לאכט איר, די נעכט זענען מיינע" [- מה אתם צוחקים, הלילות הם שלי], היינו אף שביום הוא מכתת רגליו כעני להביא טרף לביתו, אבל יש לו עשירות גדולה, והם הלילות אשר ממלא אותם בתורה ועבודה, והם שלו, שאינו מבטל מהם אף רגע.

כן אני רוצה לשמוע מכם, שכל אחד מן התלמידים יוכל להעיד לפני: "די נעכט און די טעג זענען מיינע" [-הלילות והימים הם שלי], היינו שממלא את כל סדרי היום והלילה בסדר וזמן קבוע בלא ביטול רגע (שיח"ק ח"ב עמ' רמד).

סדר העבודה של זקיני הק' לעבוד את עיקר עבודתו בלילות, ירש עוד מאביו אא"ז הק' וכו', כך היה מנהגו תמיד להקדיש את כל לילותיו לה', וזקיני ראה את עבודתו זאת במו עיניו, כי היה ישן במטתו בלילה, וכך נהג כל ימיו, לעמוד בבית ה' בלילות.

וגם הוא היה יכול להעיד על עצמו כך 'די נעכט זענען מיינע'. כי לא עבר עליו חצות לילה, שלא עבד בו את ה' מחצות עד הבוקר, ס'איז נישט געווען א נאכט וואס איז נישט געווען אויסגעהארעוועט [-לא עבר לילה אחד שלא היה עירני].

ואף בליל מוצש"ק, שדרך אנשים הוא להרפות מעט מעבודתם, משום העייפות משבת קודש, עמד הוא מוכן לעבודתו עוד יותר משאר הלילות, והתחיל את סדר השבוע בהתחדשות.

וכך היה סדר עבודתו בלילה, לאחר תפלת ערבית נטל ידיו לסעודת הערב, ואף בימות הקיץ, כאשר הימים ארוכים, לא סעד כי אם אחר תפלת ערבית, והיה לו טעם בזה, וערך סעודה זו במהירות רבה, לערך רבע שעה, ולכל היותר עשרים דקות, בירך ברכת המזון, ועישן כמה דקות כדי לעכל את המאכל, ומיד קרא קריאת שמע שעל המטה, ועלה על יצועו.

בשעה תשע כבר שכב, ובזמנים לפני המלחמה, כאשר כבר הנהיגו שעון קיץ וזמן השקיעה התאחרה, הלך לישון בשעה תשע וחצי. ואכילתו המועטת בלילה הספיקה לו עד אחר תפלת שחרית, שעד אז לא טעם כלום, לבד מה ששתה באשמורת, בשעה חמש וחצי, להתכונן לתפילה.

וכאשר עלה על יצועו, לא הפריע לו מאומה משינתו, וכמה פעמים רצו בניו להשתיק את הנכדים הקטנים, שלא יעשו רעש, אבל הוא לא עשה עסק מזה, ולא הפריע לו דבר, כי לא שמע כל המתרחש סביבו, כי כל מחשבתו היתה שיוכל כבר לקום וכו'.

ואחר הטבילה במקוה שב לביתו, וישב בחדר הספרים שלו, והתחיל לעסוק בתורה בחיות רב ובמוחין גדולים, ולמד באש להבה וכו', כי ערך לילות שלמים בעסק התורה, ער האט אפגעפירט שיינע נעכט לילה אחר לילה, בלי יוצא מן הכלל, גאנצע נעכט געהארעוועט צום אייבערשטן [-כל הלילה עבד את השי"ת], ולא קרה אפילו לילה אחד, שיאמר שאינו מוכן עתה לעבודתו, יעדע נאכט איז ער געווען דערביי [-כל לילה הוא אחז כך] (שיח"ק ח"ג עמ' ק).

אחר הטבילה חזר [זקיני הק'] לביתו, והתחיל לעסוק בעבודתו הק' בקדושה וטהרה, לעסוק בלימוד התורה במקרא משנה גמרא. היה לומד לאורו של נר קטן מאוד, עד שלא יכולתי לקרוא קריאת שמע שעל המטה כנגד אור זה. נר זה היה עשוי משיירי חלב של נרות בית המדרש שהביאו אליו, והוא הכניס לתוכם פתילה, וזה דלק כל הלילה, וכמה פעמים יצא לחצרו ללמוד לאור הלבנה [והיה לו ענין בזה, וגם נהג כן הרה"ק רבינו מהרי"א מזידיטשוב זי"ע], ואמר כל מלה ומלה בכח גדול, ובשעות אלה הרבה גם בלימוד בזוהר הק', והכל בשקט ובלחש ובקול דממה דקה, כדי שלא להפריע את שינתם של בני הבית עד אור הבוקר.

לפעמים קרה שכשבאו אליו אודות ענין קשה, והרגיש שאין בכחו לפעול הישועה מיד, אז צוה להמתין ליום המחרת, ובבוקר הבטיח למבקש ישועה, מפני שבלילה פעל הישועה על ידי עבודתו במסירות נפש כנ"ל (שיח"ק ח"א עמ' עג)

ומה מאוד רצוני לחזור לאותם ימי מנוחה שהיו בימים ההם, שלא היו טלפונים להתקשראכל העולם, ובכל יום כאשר נטו צללי ערב ירד מנוחה לעולם, כי השתמשו רק לאור הנרות, וכל אחד עסק במעשיו במנוחה ושקט. ואף אלו שהיה להם לאמפ [-נר], כמו כ"ק אאמו"ר זי"ע שעסק בתורה לאור לאמפ, הרי לא האיר כי אם את המקום אשר ישב שם, אבל בכל החדר היה שקט, ויכלו למשש את הקדושה בידים, וגם כאשר האיר הבוקר, לא שמעו קול רעש כמו היום, כי אם את קול הרועה, המוליך את הפרות לרעות בשדה, אשר מזה התעוררו הישנים לעבודת היום.

ואל אותם הלילות רצוני לחזור, כאשר ראיתי בהם את עבודתו בקודש של זקיני הק' בקומו בחצות, והלך לטבול במקוה וכו'. אחר עבודת הטבילה במקוה ישב זקיני הק' ללמוד לאור הנר, ועסק שעות רבות בלימוד גמרא תוספות בעיון, אחר כך בלימוד משניות, אח"כ עסק באמירת מזמורי תהלים, ובספר הזוהר. והיה לו אוצר גדול של ספרים אשר בהם עסק בתורה, ובימים ההם היה יקר המציאות להשיג ספרים רבים כל כך. ובניו ונכדיו היו רגילים לשאול ספרים מתוך אוצר הספרים שלו, זה בכה וזה בכה, והיה רגיל לומר להם על זה בלשון חיבה: "לאזטס מיר אויך עפעס איבער, אפאר גמרות אפאר זוהר'ס צו לערנען" [-תשאירו לי גם משהו, כמה גמרות, כמה ספרי זוהר, כדי ללמוד] (פתגמ"ק ח"א עמ' צג).

כה ישב ועסק בתורה כל הלילה, והתכונן לתפילה, כיון שהאיר היום, הניח שני זוגות של תפילין קטנים, רש"י עם ר"ת יחד, וקרא בהם קריאת שמע, וראיתי כי לפני קריאת שמע אמר נוסח לשם יחוד ארוך מאוד, ואחר פסוק ראשון של קריאת שמע, עמד בדביקות נפלאה כמה דקות. אבל בשעת התפילה בבית המדרש, הניח רק תפילין דרש"י גדולים וכו', בכל יום עמד זקיני הק' להתפלל בשעה שבע וחצי וכו', חלק המעשה קיבלתי ממנו, ובזה יש לי הרבה לספר ממנו, כי זכיתי ללמוד מעשה רב מכל תנועה שלו, כי בכל הנהגותיו קידש שם שמים, ופרסם את אמונת ה' בעולם (פתגמ"ק ח"א עמ' צד).

[ד] באשמורת הוא עת מסוגל מאוד לזכות לקנין התורה ולהשגה מרובה, כי אז נשפע שפע רב ושכל גדול לתורה ועבודת ה', כמו שכתוב (משלי לא, טו), 'ותקם בעוד לילה ותתן טרף לביתה', דקאי על כנסת ישראל, שכאשר היא קמה בעוד לילה לעסוק בתורה, היא נותנת טרף לביתה, היינו שממשיכה על עצמה שפע ומזון, דהיינו השגה מרובה ושכל רב בתורה ועבודה, ונשפע בקרבה חיות רבה, שתהיה עבודתה ותורתה בחיות ובאור פנימי (שיח"ק ח"ב עמ' קסה).

לכן צריך כל אחד למסור נפשו לילך לישון בזמן קבוע, ולא יתפתה מדברי היצר אשר מפתהו לבלות את שעות הלילה בטרדות שונות ודמיונות שוא. וכמו כן יקום באשמורת הבוקר בזמן קבוע, ואף כשאירע מחמת איזה סיבה שלא ישן בלילה די הצורך לו, עם כל זה ימסור נפשו לקום בזמן הקבוע, וילמוד התורה באשמורת בעמקות וכו'.

כי אז באשמורת הבוקר הוא עת רצון גדול לפעול בשמים כל מה שצריך לו כמובא בזוה"ק הרבה פעמים (ח"ג דף מט ע"ב ועוד) שבחצות הלילה הקב"ה נכנס לגן עדן להשתעשע עם הצדיקים עד אור הבוקר, והוא עת רצון גדול, לכן אז הזמן מוכשר שהאדם יעסוק בתורה. וכאשר מגיע עת התפילה, יעמוד להתפלל בזמן קבוע ובמנין קבוע ובמקום קבוע (דבר"ק ח"ב עמ' קנא).

כל ירידה, וכל צער העובר על האדם, וכל עת נסיון הוא רק מעבר לצורך עליה שאחרי כן, וצריך לסבול ולשתוק, אבל צריך גם לעשות עצות ותחבולות, כדי לחזור להמשיך עליו את חיות אלהות, כי אם לא יגיד ונשא עונו.

ועצה אחת היא שירגיל את עצמו לקום באשמורת הבוקר לעסוק בתורה, כי באשמורת היא עת רצון גדול למעלה, ואור ה' הוא בגילוי יותר, כמו שכתוב (תהלים צב, ג) 'להגיד בבוקר חסדך', וכאשר האדם מתעורר אז משינתו לעסוק בתורה, ממשיך על עצמו רצון העליון וחיות אלהות, וכמו שאמרו חז"ל (חגיגה יב, ב) כל העוסק בתורה בלילה, הקב"ה מושך עליו חוט של חסד ביום, חוט של חסד היינו, אור ה' וחיות אלהות, שזוכה אליה על ידי עסק התורה בלילה (פתגמ"ק ח"ב עמ' קכו). וראה עוד להלן בבארות הלוי (ריש סימן ח').

בענין מה שזקיני הק' עמד בלילה לראות את עבודת אביו הק', סיפר לי זקיני הק' וכו', פעם כאשר ראה את אביו קם בחצות הלילה, השתוקק לראות עבודתו בקודש, וקם גם הוא והלך אחריו בחשאי, וראה איך שאביו הק' יוצא לחצר שלפני ביתו, ומתגלגל שם בשלג ביסורים נוראים, כאשר חזר לביתו, שאלו זקינו הק', אבי, וכי עדיין אתה צריך לעבוד עבודה קשה כזו, השיב לו אביו הק' תדע בני, כי לא בשבילי אני עושה זאת, אלא כי אני רואה שהיום באשמורת הבוקר יבוא אלי איש שזקוק לישועה רבה, והוא היה צריך לסבול סיגופים אלו כדי לזכות וישועה וכו', וכן ראיתי במו עיני, כי תיכף כאשר נכנס לשם נמשך מזה ישועה גדולה (דבר"ק ח"ב עמ' קעא).

ויש בזה גם ענין עמוק, כי לילה הוא בחינת מלכות, לכן אז הזמן המסוגל לקבלת עול מלכות שמים, וגם לקנות בקרבו תורה שבעל פה שהיא בחינת מלכות, כמו שכתוב בתיקוני זוהר (יז ע"א) מלכות פה, תורה שבעל פה קרינן לה (פתגמ"ק ח"א עמ' קפד).

המשך הלכות תפילין

## פגם אין די תפילין/ רצועות

### פיר-עקיג

תפילין דארפן זיין מרובע - פיר עקיג - הלכה למשה מסיני, דאס איז סיי של יד און סיי של ראש.[1]

די ווינקלען איז זייער שכיח אז ס'זאל ווערן רינדיג.[2] (אבער היינטיגע צייטן איז נישט אזוי שכיח ווען מ'האט די בית'לעך אויפן של יד).

אמאל קען די אונטערשטע חלק פון די תיתורא זיך אפטיילן פון די אויבערשטע חלק, און ס'ווערט א ריווח.

### רצועות

די ברייט פון די רצועה דארף זיין ברייט לכל הפחות ווי די לענג פון א גערשטל.[3]

מיט די יארן קען זיך מאכן אז די רצועה ווערט שמאל דארט ווי מ'מאכט די הידוק.

אויב די רצועה של יד האט זיך צוריסן, זאל מען לכתחילה זען צו באקומען א אנדערע, בדיעבד איז מען יוצא אויב נאכן מהדק זיין קען מען אויסציען די רצועה ביזן מיטלסטן פינגער, און כורך זיין 3 כריכות, און איינבינדן די עק.

אויב איז נישט דא די שיעור, זאל מען בארגן תפילין פון א צווייטן, ביז מ'וועט באקומען א א נייע רצועה. אויב האט מען נישט פון וועם צו בארגן, זאל מען לייגן דעם של יד אן א ברכה, און נאר מאכן אויפן של ראש צוויי ברכות.

קודם זאל ער מאכן 'על מצות תפילין', און דערנאך זאל ער ממשמש זיין איינעם של יד, און מחזק זיין די קשר, און מאכן 'להניח תפילין', און אנזין האבן אויך דעם של יד.

אויב האט זיך צוריסן די רצועה פונעם של ראש, ביי די חלק וואס ליגט מהודק אויפן קאפ, איז דאס פסול. אבער רצועות וואס קומען אראפ פון די קשר און ווייטער, דעמאלטס אויב איז געבליבן א שיעור פון 2 טפחים איז דאס כשר, (אבער לויטן כף החיים זאל מען נישט מאכן א ברכה, אויב דער רעכטער רצועה קומט נישט אן ביז הטבור, און די לינקע ביזן הארץ).

אויב מ'דארף טוישן רצועות, זאל מען דאס איבערגעבן פאר א מומחה, ווייל ס'דא פארשידענע הלכות דערביי, ווי צום ביישפיל מ'טאר נישט שניידן די רצועות, נאר ביי די תפילין של ראש דארף מען אויפמאכן די קשר און ארויסציען די רצועה פון די מעברתא, און ביי תפילין של יד דארף מען ארויסציען די לאנגע רצועה פון די שלייף, און דערנאך ארויסציען די שלייף פון די מעברתא.

אויב איז נפסק געווען די קשר צווישן הנחת תפילין של יד און תפילין של ראש, אפילו ער איז מפסיק צו מאכן די קשר, דארף מען נישט איבער מאכן די ברכת להניח.[4]

אפילו מ'האט געדארפט נעמען נייע רצועות, דארף מען נישט איבער מאכן א ברכה, ווייל די (קציצה) תפילין איז די עיקר.[5]

אזוי אויך אויב בשעת די ברכה איז נישט געווען קיין קשר, און ער האט געמאכט די קשר צווישן די ברכה און הנחה, דארף מען נישט איבערמאכן א ברכה.[6]

### איטר יד - א געלינקטער

א געלינקטער דאס הייסט אז ער טוט אלע אדער רוב פון זיינע זאכן מיט די לינקע הענט, לייגט ער אויף די רעכטע הענט פון אלע מענטשן, וואס ביי אים איז דאס די לינקע הענט.[7] אויב ער האט געלייגט אויף זיין רעכטע וואס איז די לינקע פון אלע מענטשן, האט ער נישט יוצא געווען אפילו בדיעבד.[8]

ס'כדאי צו פרעגן א שאלה אויב מ'האט א ספק צו מ'איז א געלינקטער, וויבאלד עס זענען דא פארשידענע אופנים ווען מ'ווערט גערעכנט פאר א געלינקטער.

די תפילין זענען ספעציעל אויסגעשטעלט פאר א געלינקטן, ווייל די מעברתא דארף ליגן פון אויבן בשעת ס'איז אויפן גוף. און די קשר פון די יו"ד דארף זיין נענטער צו די גוף ווי די תפילין, און אויב ער וועט נעמען תפילין פון א גערעכטן, וועט עס נישט ליגן גוט.

א געלינקטער טוט אויס די תפילין מיט זיין רעכטע הענט, אזוי ווי א גערעכטער טוט עס אויס מיט די לינקע.[9]

אויב א געלינקטער האט מחמת אונס נישט זיין סארט תפילין, מעג ער נוצן תפילין של יד פון א גערעכטן, אבער ער דארף זיכער מאכן אז די יו"ד זאל זיין נענטער צום גוף, (דעריבער וועט אויסקומען אז די מעברתא וועט זיין צו די האנט, נישט צו די אקסל ווי ביי יעדן גערעכטן[10]).

אויב ער וועט לייגן אויף דעם וועג, קען זיך מאכן אז וויבאלד די הידוק ווערט געמאכט ביי די אונטערשטע זייט פון די תפילין (וואס ביי א גערעכטן וועט עס זיין פון אויבערשטע זייט), און ס'וועט נישט זיין מהודק צום האנט, אין אזא פאל זאל ער עקסטער לייגן א רצועה אויף די תיתורא, אז ס'זאל האלטן די תפילין מהודק צו די האנט.

די לענג פון די רצועות של ראש, איז אזוי ווי א גערעכטער.[11]

### ד' פרשיות

לכתחילה דארף דער סופר שרייבן די פרשיות פון תפילין של יד פארדעם, ווייל דאס שטייט פריער אין די תורה. און דערנאך זאל ער שרייבן די פרשיות פון תפילין של ראש.[12]

---

1 שו"ע (סי' לב סל"ט), ושועה"ר (סנ"ט).

2 קצוה"ש (סי' ח סכ"ז).

3 שו"ע (סי' כז סי"א) 'רוחב הרצועות של יד ושל ראש, כאורך שעורה לפחות', ובמ"ב (סקמ"ב) 'כתבו האחרונים דצריך ליזהר מאוד במקום כפל הידוק שרגיל שהרצועה נתקמטה שם, או שנפסקת עד שלא נשאר בה כשיעור'.

ובמשנת הסופר (סי' כג סקט"ו) 'ושיעורה הוא כחצי רוחב אגודל, ולפ"ז לדעת האומרים דשיעור אצבע הוא 2.5 ס"מ יש לעשות רוחב הרצועה חצי משיעור הנ"ל (דהיינו 1.25 ס"מ), אבל החזו"א כתב דשיעורו הוא 1.07 ס"מ וכו' ומ"מ הוסיף דלפי שא"א לצמצם אין לעשות רצועה של תפילין פחות מ11 מ"מ, והגרא"ח נאה כתב דשיעורו הוא 1 ס"מ, וי"א דא"צ כשיעור שעורה אלא די ברוחב של אורך חטה, ובמקום הדחק יש לסמוך ע"ז ולהכשיר כשיעור 9 ס"מ, אבל לא יברך ע"ז'. והשיעור היותר גדול היא קרוב ל14 מילי מעטער, לבושי מרדכי (סי' קלט) בשיטת החת"ס.

4 פרמ"ג, שועה"ר (סל"ג לד), ביה"ל (ד"ה א"צ לחזור ולברך).

כי עשיית קשר הוא ג"כ מתיקון המצוה השייכה לאותה ברכה, כי א"א להניח התפילין של ראש קודם לתפילין של יד, ואפילו אם שח בינתיים לצורך ענין התפילין, אינו הפסק בדיעבד, מ"ב (סקמ"ט).

5 כף החיים (סי' כה סקפ"ב), בשם הלכות קטנות (ח"ב סי' קב) וביאר 'שהקציצה הוא העיקר ומשום דבטלה הטפילה לא בטל העיקר'. אבל אם רוצה להניח תפילין אחרים צריך לחזור ולברך, שע"ת (סקי"ד).

6 דרך החיים (סכ"ו) וכף החיים (סי' כה סקפ"ג), ולעיל מיני' (סק"פ) מסיק הכף החיים, דכל זה הוא ביודע לעשות קשר, או שיש שם אחד אצלו שיודע לעשות קשר, אבל אם צריך לילך לחזור אחר אומן שיעשה לו הקשר, אין לך הפסק והיסח הדעת גדול מזה, וצריך לחזור ולברך.

7 שו"ע (סי' כז ס"ו).

8 מ"ב (סי' כז סקכ"ד).

9 להראות שקשה עליו חליצתן, מ"ב (סי' כח סק"ו). אמנם בישועות יעקב (אות א) כתב טעם אחר לחלוץ בשל שמאל, וכתב ע"ז התורת חיים (סק"ג) דלפ"ד אפילו איטר יד חולץ בשמאלו.

10 ביה"ל (סי' כז ד"ה המנהג) 'מי שהוא איטר ואין לו רק תפילין של אינו איטר, או להיפך, יוכל להפך להניח הקציצה לצד הכתף והמעברתא לצד היד, וכו' כי זה בודאי טוב יותר ממה שיניח כך ויהי' התפילין סמוך ללב ויהי' קשר היו"ד חוצה לה וכו''.

11 דהיינו לכל הפחות שהרצועה הימנית יגיע עד המילה, והשמאלית עד הטבור.

12 רמ"א (סי' לב ס"א) 'ולכתחילה יכתוב של יד קודם של ראש'. ובשועה"ר (סי' לב ס"א) מביא ג"כ דע"פ קבלה יקדים של ראש לשל יד מפני שקדושת תפילין של ראש היא חמורה משל תפילין של יד.

# פאַנ״ש לאַנ״ש

בריוון און מעסיבדזשעס
פון אנשי שלומינו
צו אנשי שלומינו

איבערצושיקן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף
פאסט
11 Van Buren Dr. #205
Monroe, NY 10950

שיקט א
פעקס
845.610.8674

לאזט א מעסידזש אויף
קול איחוד
718.451.8674
Ext. 841

וויבאלד עס נעמט צייט צו מגיה זיין די בריוון אין דעם אפטיילונג כראוי, ביטע
אנטשולדיגן אויב זעהט איר נאך נישט גלייך אייער מעסעדזש אדער בריוו אינעם מדור.


## בענין הסגולה לישב בקדושה על הפליגער

לכבוד מפעל החשוב "איחוד טאהש" ומערכת גליון "באור החיים".

הנה זכיתי לנסוע בשנה הזאת ליומא דהילולא של הרה"ק רבי ישעי' בן רבי משה מ'קערעסטיר זצוק"ל, עם הפסקה קצרה בעיר פראנקפורט, ואמרתי הפסוק **"חנה מלאך ד' סביב ליראיו ויחלצם"** תמיד לפני העליה על העראפלאן, וברוך השם זכיתי לשבת כל הזמן בין גברים, והיו כמה אנשים על העראפלאן שהיו להם קשיים במקומות ישיבתם, ויעצתי להם לומר הפסוק ובו"ה הכל הסתדר מיד לטובה.

הסגולה פירסומה ראשונה ע"י גליוניכם החשובה לפני כמה חדשים, מקור הסגולה הוא, דהנה הגאון רבי אברהם שארר שליט"א סיפר, שכשהיה מנהל בישיבת טאהש קאנאדע והיה דרכו לנסוע כל שבוע עראפלאן מניו יארק לקאנאדע וחזור, שאל פעם מאת כ"ק רביה"ק זי"ע, איך מסתדרים כשהמושב המיועד אינו כדבעי, וענה לו: שיאמר הפסוק 'חנה מלאך ד' סביב ליראיו ויחלצם' (תהלים לד, ח), ובס"ד הכל על מקומו יבא בשלום. ומני אז לא היה לו אף פעם קושי בדבר הזה. וכך מעידים כמה וכמה שעשו כן, והכל הסתדר מיד, ואפילו במקרים שנשים התעקשו ולא רצו להחליף מקומותיהם בנחישות, מכל מקום אחרי שאמרו הפסוק הנ"ל, נכנעו והסכימו לסדר הכל על צד היותר טוב.

הפסוק הזה מסוגל בעת נסיעה, במקרה שמושבו הוא בין שתי נשים וכדומה, שהכל יסתדר על צד היותר טוב, ויסכימו המתעקשים להחליף מקומותיהם, וכדאי מאד לאומרו לפני הנסיעה שלא יבוא לידי נסיון בכלל.

וחשבתי להוסיף נופך על זה דבר נעים, שתיבות 'חנה מלאך הוי-ה סביב ליראיו ויחלצם' הרי הן עולות בגימטריא 'כדאי הוא לאמרו לפני הנסיעה' (עם הכולל). ובמספר גדול הרי הן עולות בגימטריא 'הן זה סגולה מועילה לאמרו לפני הנסיעה לישב בקדושה' (עם הכולל). ובמילוי כזה: 'חית נון הי, מם למד אלף כף, יוד הי ויו הי, סמך בית יוד בית, למד יוד ריש אלף יוד ויו, ויו יוד חית למד צדיק מם' הרי הן עולות בגימטריא 'דהנה זה סגולה ידוע מהרב הצדיק רבי משולם פייש מטאהש לאמרו לפני הנסיעה לישב בקדושה'.

אלי' רייכמאן – נכד הרבני החסיד ר' חיים אלכסנדר ניימאן ע"ה

## אור הגנוז אין די פסוקי התורה, ביי רביה"ק זי"ע

בנוגע די ענין פון גורלות אין א חומש, האב איך געהערט פונעם משמש בקודש הרה"ח ר' ראובן מנחם שווארץ הי"ו, אז ווען ש"ב של רביה"ק זי"ע אשת הרה"ג ר' מרדכי לייפער שליט"א איז נישט געווען געזונט, האט זיך דער רבי נאכגעפרעגט און מתפלל געווען אויף איר כסדר, און ווען זי איז נפטר געווארן האט זיך די גבאי ארויסגעדרייט פון ענטפערן ווען דער רבי האט געפרעגט, נישט וועלנדיג מבשר זיין די בשורה לא טובה.

האט דער רבי גענומען און געעפנט א חומש, און דער גבאי האט באמערקט ווי עס האט זיך אויפגעמישט אין ספר במדבר ביי די פסוק "ותמת שם מרים". דער רבי האט גארנישט געזאגט, נאר ער האט זיך געגעבן א צוקערכט'ס. האט ער פארשטאנען אז דער רבי האט שוין פון דעם געזעהן אלעס.

יישר כח און הצלחה.

## ווער איז גערעכט? – אמונה איז העכער פון טויזנטער תעניתים און סיגופים

דעם פאראנגאנגענעם פסח איז געווען געדרוקט אינעם גליון, דעם הערליכן מדור "אבותינו ספרו לנו", ווי עס האט דערציילט הרה"ג ר' יוסף הערש ליבערמאן שליט"א מבעסערמין מאנסי, סיפורים וענינים וואס ער האט מיטגעלעבט ביי רביה"ק זי"ע, און צווישן אנדערע פארציילט ער וויאזוי דער רבי האט געלערנט מיט אים דעם באקאנטן שטיקל אינעם הייליגן ספר "נתיב מצוותיך" נתיב האמונה פון רביה"ק מהרי"א מקאמארנא זי"ע, וועלנדיג אים לערנען וויאזוי מקבל צו זיין אלעס באמונה ובאהבה, אפילו מ'ליידט יסורים דורך א צווייטער, און אפי' בו בזמן יענער איז נישט גערעכט.

יעצט שטייענדיג ביומא דהילולא קדישא י' אייר (מאנטאג אמור - ספירת נצח שבנצח), האב איך געזעהן נאך א שיינע מעשה פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע אויך איבער דעם זעלבן שטיקל אין נתיב האמונה, וואס עס האט דערציילט הרה"צ המשפיע רבי אלימלך בידערמאן שליט"א (גליון באר הפרשה וירא תשפ"ד).

פארציילט די משפיע, אז עס איז אריינגעקומען א איד צום הייליגן רבי'ן זי"ע אל הקודש פנימה אין די צייט וואס עס האט זיך אפגעשפילט די גאנצע פרשה און פולמוס ארום דעם עירוב אין ברוקלין (ב"פ און וומסב"ג). בשעת ווען יעדער האט זיך געקאכט און גענומען א מיינונג דערין - יא עירוב אדער נישט עירוב, מותר אדער אסור - האט יענער איד פרובירט צו באקומען פונעם רבי'ן א קלארע מיינונג, וועלנדיג הערן וואס דער רבי האלט איבער דעם ענין... און אזוי בשעת דער איד פרובירט צו רעדן מיטן רבי'ן איבער דעם, האט איינע פון די משמשים בקודש באמערקט ווי דער איד האלט א רעקארדער אין זיין האנט. און דער גבאי האט זייער קלאר פארשטאנען וואס דער איד וויל דא, נישט גענוג ער רעדט צום רבי'ן איבער אן ענין וואס דער רבי זוכט נישט צו זיין אריינגעמישט, רעקארדירט ער נאך די ווערטער, כדי עס שפעטער צו מפרסם זיין אין די גאסן...

עס האט פאר דעם גבאי'ן זייער פארדראסן וואס דער איד טוט דא, האט ער אלס א געטרייער און איבערגעגעבענער גבאי פשוט ארויסדערווישט דעם רעקארדער פון דעם איד'ס האנט... דער איד האט זיך גלייך פארלוירן, עס האט דאך חרוב געלייגט זיין גאנצער פלאן... פון גרויס פארלוירנקייט האט דער מענטש אנגעפאנגען שלעפן דעם גבאי'ס באָרד מיט גרויס כח, ביז ער האט ארויסגעריסן האר און עס האט אנגעהויבן צו קומען בלוט.

דער רבי האט צוגעזעהן וואס עס פאסירט, און ער האט גלייך פארשטאנען וואס דא קומט פאר. האט דער רבי געזאגט פארן משב"ק: "דו מוזט בעטן מחילה פון דעם איד." האט דער גבאי גע'טענה'ט אז ער האט גארנישט געטוהן דא שלעכט, ער האט פשוט געטוהן וואס ער האט געדארפט, און מיט רעכט... האט אים דער רבי געזאגט: "דו האסט אים אבער גורם געווען זיך צו פארלירן, ממילא דארפסטו אים איבערבעטן." נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, האב די גבאי געבעטן מחילה פון דעם איד, אבער דער איד האט זיך אנגערופן פארן גבאי'ן, אז ער איז אים נאר מוחל, בתנאי אויב געבט ער אים צוריק דעם רעקארדער.

אבער אזוי ווי דאס איז דאך געווען די גאנצע פראבלעם דא, האט אים די גבאי געזאגט: "איך קען דיר דאס נישט צוריקגעבן - דו האסט עס גענוצט אפצוכאפן דעם רבי'ן, און נאכדעם וועסטו נאך גיין נעמען ווערטער און פארשפרייטן, ממילא געב איך דער ריקארדער פארן רבי'ן, זאל דער רבי טוהן וואס ער זעהט פאר ריכטיג". פארשטייט זיך אז דער רבי האט גלייך צוריקגעגעבן דעם ריקארדער פאר יענעם איד.

א האלבע שעה שפעטער איז דער רבי ארויסגעקומען פון זיין צימער און ער האט געזען דעם גבאי'ן ווי ער שטייט איינגאנצן צעבראכן און צעקלאפט, פילנדיג אז ער האט גאר געכאפט דעם פסק אנשטאט דער וואס עס איז אים באמת געקומען... האט דער רבי ארויסגענומען דעם הייליגן ספר "נתיב מצותיך", און אנגעפאנגען לערנען מיט אים אינעווייניג (נתיב האמונה, שביל א' אות ד') **מי שמאמין שאין שום תנועה מקרה, הוא מרפא לנפש מכל תחלואיו, כולל כל מידות טובות, לאהוב את חברו אף שעושה לו רעות ומבזה אותו, כי אין שום מקרה בעולם אף דיבור קטן. ובדין שמים נעשה זה שלוחו של מקום לבזות אותו ולחרף אותו וכו', צא ובדוק נפשך, ותמצא שבלתי גזירות עליון אי אפשר ששום נברא יצער אותו אפילו צער קטן, ולכן יקבל באהבה ובחיבה ובשמחה, ויתרפא נפשך יותר ממאה אלף אלפים תעניות וסיגופים**.

דאס הייסט מ'זאל גלייבן אמת'דיג אז ס'איז נישטא קיין צופאל אויף דער וועלט, און נישט קיין חילוק וואס פאסירט מיט אים פון גרויס ביז קליין נעמט ער עס אן באהבה ובחיבה, אפי' א חבר טוט מיט אים שלעכטס און פארשעמט אים, זאל מען וויסן אז ער איז פשוט א שליח פון אייבערשטן אים דאס צו טוהן, און ווען נישט דער אייבערשטער האט אזוי גוזר געווען, קען אים קיינער נישט מצער זיין אפי' א קליין טראפ, - און אז מ'טוט אזוי, איז דאס איז א רפואה פארן נפש פון אלע אידע קרענק, אסאך מער ווי הונדערטער טויזנטער תעניתים און סיגופים. אזוי האט דער רבי מאריך געווען אים דעם ענין א א לענגערע צייט, אים אריינצובאקן דעם ריכטיגן אמונה, ביז ער האט זיך טאקע ממש געפילט ווי א נייער מענטש, פול מיט חיות דקדושה.

פירט המשפיע רבי אלימלך בידערמאן שליט"א אויס: פון די מעשה לערנט מען זיך ארויס עטליכע נקודות. ערשטנס, אפילו דער גבאי איז עכט געווען גערעכט, און יענער איז דאך געווען שולדיג בכפליים, סיי פאר'ן האבן די העזה אריינצודרייען דעם רבי'ן אין דעם, און סיי פארן אטאקירן דעם גבאי, דאך איז א מענטש מחויב צו זיין א מעביר על מדותיו, צו גיין לפנים משורת הדין, און איבערבעטן יענעם פאר'ן גורם זיין אים ארויסצונעמען פון די כלים. און צווייטנס, א מענטש וואס נעמט אן בזיונות מיט אהבה, און גלייבט באמונה שלימה אז אלעס קומט פונעם באשעפער, שפארט זיך איין אסאך פיזישע און נפשיות'דיגע שוועריקייטן. ווי צדיקים טייטשן אויפ'ן פסוק אין פ' וירא (בראשית כ"א, ו'), 'צחוק עשה לי אלוקים', אז דאס ווארט 'עשה' איז מלשון 'תיקון' (ווי רש"י טייטשט אין בראשית א', ז'), און ס'איז אויך באקאנט אז דער נאמען 'אלוקים' איז מרמז אויף מדת הדין, ממילא איז 'צחוק', ווען מענטשן לאכן אפ, שפעטן, און פארשעמען א מענטש, און ער האלט זיך דאס מויל און שווייגט, 'עשה', דאס פאררעכט און איז מתקן די מדת הדין, און ס'טוט ממתיק זיין אלע שווערע גזירות רחמנא לצלן וואס וואלטן געקענט קומען אויף א מענטש.

זכות של בעל ההילולא הרה"ק רבי יצחק אייזיק יהודה יחיאל ב"ר אלכסנדר סענדר יגן עלינו, ובזכות האמונה נזכה לכל טוב סלה.

# במקהלות

נייעס, באריכטן
און אנטוויקלונגען,
אינערהאלב
**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**
צווישן מקהלת אנשי
שלומינו ברחבי תבל

מכון עבודת הלוים:

## הערליכער ספר "עבודת משולם פייש - זמירות לשבועות" ברענגט די ריכטיגע הכנה צום לעכטיגן יו"ט שבועות הבעל"ט

שוחרי תורה וחסידות בכלל, אנשי שלומינו תלמידים וחסידים בפרט, נעמען אויף מיט גרויס פרייד, די ערשיינונג פונעם וואונדערליכן ספר "עבודת משולם פייש - זמירות לשבועות", וועלכער ברענגט אריין א העכערע אטמאספערע אין דעם בעפארשטייענדן יום טוב שבועות הבעל"ט.

אין דעם הערליכען ספר וועלכער פארמאגט 447 עמודים, איז וואונדערבאר צוזאמגענומען מכל תורת וספרי רבינו הקדוש זיעועכי"א אויף אלע עניני שבועות מהחל ועד כלה, עניני ספירה, הכנה לשבועות, תפלות יו"ט, עשרת הדברות, מגילת רות, יודה"ל רבינו הבעשטה"ק זי"ע, הילולא דוד המלך ע"ה, וכו'. און אויך אויף די זמירות לשבועות, מייסטערהאפטיג מסודר און קלאר איינגעטיילט אין זעכצן באזונדערע פרקים, מיט קעפלעך וכדו', וכל הרואה אומר ברקאי.

באזונדער איז דא א הערליכע מדור פון עניני התורה, איינגעטיילט אין דרייצן באזונדערע פרקים, מיט קעפלעך וכדו'.

ווי אויך איז הערליך געדרוקט די זמירות לשבועות, מנהגי רבותיה"ק זי"ע, און אויך ניגוני שבועות.

די מבינים זאגן אז דאס זיך באנוצן מיט דעם ספר וועט באשיינען ריכטיג דעם יו"ט טיש, און ס'ברענגט אריין א רוחניות'דיגע עונג יו"ט אין שטוב.

*

דער ספר איז נאך א רינגעלע פון דעם הערליכן קייט פון ספרי הקודש לבית טאהש וועלכע איז געווארן ארויסגעגעבן ברוב פאר והדר, דורכן בארימטן מכון "עבודת הלוים", וועלכע האבן שוין ארויסגעגעבן עבודת הלוים תולדות השרף מטאהש זי"ע, עבודת הלוים תולדות הסב"ק מטאהש זי"ע, תהלים עבודת עבודה, עבודת עבודה מכתבי קודש, זכור אב - אשכבתיה דרבי, תהלים עבודת משולם פייש, עבודת משולם פייש לשבת, זמירות לחנוכה עבודת עבודה, זמירות לפסח עבודת עבודה, דער הייליגער פלאם (ד' חלקים), סדר שלש עשרה מדות, סדר הקפות, הליכות הלוי, נועם אלימלך דפו"ר.

צו באקומען בלויז א מספר מצומצם ביי די מו"ל מכון עבודת הלוים 718-840-3333. וכל הקודם זכה.

קחו ברכה לתוך בתיכם.

מפעל פועל ישועות - שע"י ת"ת בית יודא ד'טאהש:

## גאנצע יאר ווערט אפגעצייכנט פון פועל'ן ישועות פאר תומכי התלמוד תורה

דעם ער"ח סיון הבעל"ט ווערט אפגעצייכנט א גאנצע יאר, זייט די מפעל 'פועל ישועות' איז געגרינדעט געווארן, מיטן ציל צו פועל'ן ישועות פאר אלע תומכי התלמוד תורה, ווען יעדן ערב ראש חודש גייען די ילדי תלמוד תורה ארויף צום ציון הק' פון רביה"ק זי"ע און זאגן אויס גאנץ ספר תהלים לזכות תומכי התלמוד תורה, ושותפי המפעל פועל ישועות.

לכבוד די אפצייכענונג פונעם נייעם יאר, איז צוגעלייגט געווארן א נייע זכות, "זכות נר שמן", וואו די תומכים פון $100 א חודש וועלן האבן די זכי' צו האבן א חלק אינעם זכות פון די נר שמן וואס וועט ברענען א גאנצע יאר אן אויפהער, ביים ציון הק' לזכר נשמת רבינו הקדוש והטהור זי"ע.

דאס איז אין צוגאב צו די ביז יעצטיגע זכותים אין וועלכע מען קען זוכה זיין צו דערמאנט ווערן ביים תהלים זאגן פאר $36 א חודש, און פון די זכות פון צינדן א לעכטל יעדן ערב ר"ח פארן סכום פון $54 א חודש.

ב"ה מען הערט צוריק געוואלדיגע מעשיות און ישועות וואס די תומכי התלמוד תורה זעהן אינעם טאג טעגליכן לעבן, און טאמער זענט איר נאכנישט קיין חלק כאפט אריין די געוואלדיגע זכות, און פארזיכערט אייער ברכה פארן גאנצן יאר.

דעם פארגאנגענעם ל"ג בעומר ווען רבינו שליט"א איז ארויף צום ציון הק' לאמירת כל ספר תהלים, האט דער רבי צום ערשטן מאל אנגעצינדן די נר תמיד וואס וועט ברענען א גאנצע יאר, און וועט אנגעצינדן ווערן יעדן ערב ראש חודש לזכות די חשוב'ע תומכים, ווען דערביי האט דער רבי מאציל געווען ברכתו הקודש לזכות די חשוב'ע תומכים.

**תלמוד תורה עבודת משולם פייש טאהש - מאנסי:**

# גאר געהויבענע מעמד הדלקת המדורה פארגעקומען בין כותלי מוסדותינו הקדושים

דעם פארגאנגענעם דינסטאג ל"ג בעומר איז אפגעראכטן געווארן די הייליגע טאג אויף א גאר פרייליכע שטימונג ווי די לעכטיגע קינדערלעך האבן זיך מיט געפרייד בשמחת התנא אלוקי ר' שמעון בר יוחאי.

שוין און די אנפאנג פארמיטאג שעות זענען די קינדער ארויס און די חצר המוסדות ווי עס איז געווען אנגעגרייט ספעציעלע רייד'ס געברענגט אז די קינדער זאלן זיך קענען שפילן מיט דעם לכבוד ל"ג בעומר.

בערך ארום איינס אזייגער זענען די לעכטיגע קינדערלעך און באגלייטונג מיט די מלמדים אנגעקומען צו די געהויבענע מעמד הדלקת המדורה לכבוד התנא אלוקי צום ערשט האבן אלע קינדער געהאט די זכי' אריינצוגיסן אויל אונעם מדורה.

דערנאך האט די שליח המוסדות מו"ה אליעזר קרויס הי"ו מזכיר געווען די נעמען פון די חשובע נדיבי בעם וואס העלפן ארויס די מוסדות א גאנץ יאר און געבעטן אז די לעכטיגע קינדערלעך זאלן זיי אינזין האבן און אזא גרויסע טאג.

דערנאך איז מען צוגעטרעטן צום הייליגן מעמד ווען די הנהלת המוסדות האט מכבד געווען צו אנצינדן די הדלקה הרבני הנגיד הנכבד הרב שמואל ישראל ברודא שליט"א חבר הנהלת המוסדות ומחשובי הורי מוסדותינו הקדושים אלץ הכרת הטוב פאר די פילע לייסטונגען לטובת המוסדות.

דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אויף פייערליכע טענץ לכבוד התנא אלוקי ווי די לעכטיגע קינדער אינאיינעם מיט די מלמדים האבן זיך מיט געפרייט בשמחת התנא א לענגערע צייט.

דערנאך איז מען אריין און חדר האוכל ווי עס איז סערווירט געווארן מאכלים ומשקאות בנדבת ליבם פון מו"ה יצחק כ"ץ הי"ו מחשובי הורי מוסדותינו הקדושים און מו"ה שלמה לעבאוויטש הי"ו פון די בארימטע שלומי'ס בעקערי.

מטעם די הנהלת המוסדות וויל זיך ספעציעל באדאנקען פאר ידידינו היקר מו"ה וואלף גרינבוים הי"ו מחשובי הורי מוסדותינו פארן אהער שטעלן די מעמד אז אלעס זאל קלאפן על צד היותר הטוב.

עס איז צום האפן אז בזכות התנא זאל מען האבן געפויעלט אלעס גוטס ישועות און רפואות און אלעס גוטס לנו ולכל ישראל אמן.



בצל הקודש
מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
אמור - תשפ"ו לפ"ק

## מיטוואך פר' אמור

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר משה פעקעטע הי"ו, דער רבי האט געגעבן דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

פארנאכטס האט זיך דער רבי משתתף זיין ביים שמחת הבר מצוה, אין די זאלן פון בית צירל, דער רבי האט געטרינקן לחיים און ווארעם אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די בר מצוה בחור און עלטערן און זיידע'ס.

## שב"ק פר' אמור

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע און די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש החתן שמשון בה"ר יצחק יודא משה גוטמאן נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, הרה"ח ר' יעקב שלמה גרינוואלד הי"ו פון קרית יואל, מוה"ר חיים יוסף יודא גרינוואלד הי"ו פון וומסב"ג, הרב יואל זוסמאן מערץ שליט"א פון וומסב"ג נכד רביה"ק זי"ע, הרב לייבוש קליין שליט"א פון מאנטריאל.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און משמיע געווען דברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' יעקב שלמה גרינוואלד הי"ו פון קרית יואל, שיר המעלות הב' חיים יוסף שווארץ נ"י פון ניו יארק.

שבת נותנים לו הרב חיים צבי טייטלבוים שליט"א פון ניו יארק.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן, און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

◆

שבת אינדערפרי האט דער רבי' פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג. צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מוה"ר אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס הי"ו. שחרית האט געדאווענט מוה"ר אהרן שווארץ הי"ו משמש ביהמ"ד הגדול.

די עליות האבן עולה געווען: כהן מוה"ר נפתלי צבי חיים לאנדאוי הי"ו, לוי הרב חיים שלמה סג"ל טירנויער שליט"א פון וומסב"ג, שלישי הרה"ג ר' הערשל דירנפעלד שליט"א, רביעי מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו משב"ק, חמישי מוה"ר יושע יצחק גרינוואלד הי"ו, ששי הרב חנני' יו"ט ליפא הארוויץ שליט"א, שביעי מוה"ר נחמי' צבי שווארץ הי"ו, אחרון הרב יושע אלעזר סג"ל טירנויער שליט"א פון וומסב"ג.

פאר מפטיר האט דער רבי' געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א.

הגבה מו"ה אהרן פריעד הי"ו פון בארא פארק, גלילה מו"ה ליפא ליכטמאן הי"ו פון בארא פארק.

צו תפלת מוסף איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א. פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר עזריאל שפיטצער הי"ו פון קרית יואל.

◆

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים בהיכל הטישן איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הב' אברהם דוד ב"ר יעקב ישראל ברוך גוטמאן נ"י תלמיד ישיבה גדולה.

אז ביום השביעי מוה"ר ליפא ליכטמאן הי"ו. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי' מכבד געווען הרה"ג ר' הערשל דירנפעלד שליט"א.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און געזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי' געוואונטשן א גוט שבת.

שבת נאכמיטאג האט פארגעלערנט פרקי אבות ודברי הכנה לל"ג בעומר בהיכל ביהמ"ד הגדול הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען מוה"ר נפתלי צבי חיים לאנדאוי הי"ו. די עליות האבן עולה געווען: ראשון הרה"ח ר' יעקב שלמה גרינוואלד הי"ו, שני מו"ה אליעזר גאלדענבערג הי"ו, שלישי החתן חיים נחום ב"ר יואל מערמעלשטיין נ"י תלמיד ישיבה גדולה, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, גלילה מו"ה חיים יוסף יודא גרינוואלד הי"ו פון וומסב"ג.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען מוה"ר נפתלי צבי חיים לאנדאוי הי"ו. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: מוה"ר עזרא שמעון ישראל סג"ל נייהויזער הי"ו, מו"ה משה פעקעטע הי"ו, הרה"ח ר' שלמה בלעקמאן הי"ו.

ברהמ"ז על הכוס און צו מעריב איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א

דערנאך האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה הרב יושע כ"ץ שליט"א פון בארא פארק, די הבדלה האט געהאלטן הב' ב"ר אהרן פריעד נ"י פון בארא פארק.

דערנאך האט דער רבי דערציילט שיחות קודש פון הרה"ק רבינו יצחק אייזיק מקאמארנא זיעועכי"א.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

## מאנטאג פר' בה"ב - אול"י ל"ג בעומר

"אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו בהילולא דבר יוחאי", דאס זענען די התרגשות'דיגע געפילן פון אנשי שלומינו וואס האבן געהאט די זכי' זיך מסתופף צו זיין בצל הקודש דעם פארגאנגענעם ל"ג בעומר, אנגעהויבן מיט תפילת מנחה מעריב און פייערדיגע ספירה ציילן פון מרן רבינו שליט"א, דערנאך די גרויסארטיגע מעמד ההדלקה במקהלות עם רב, די שיסן פייל און בויגן, נאכפאלגענדיג צומארגנס מיטן אמירת כל ספר תהלים מיט גרויס התעוררות ביים ציון הקודש, און שפעטער געהויבענעם שלחן הטהור לכבוד התנא אלקי, איניינעם מיטן שמחת התנאים פון נכדת כ"ק מרן רבינו שליט"א, משולב מיטן מעמד סיום מס' סנהדרין במסגרת חבורת מזון הנפש.

פארנאכטס איז דער רבי אריינגעקומען צו תפילת מנחה מעריב בהיכל ביהמ"ד הגדול, צום עמוד איז צוגעגאנגען מוה"ר בנימין פישער הי"ו, דער רבי האט פארגעציילט ספירת העומר מיט גרויס התעוררות.

תיכף נאך מעריב איז די גאנצע ציבור ארויס צום שטח ההדלקה, ברחבת בניני מוסדותינו הק', ווי עס זענען זיך צוזאמגעקומען א ריזן ציבור אנשים נשים וטף, תושבי קריתינו הק' און הונדערטער אורחים החשובים, די רבנים הגאונים שליט"א אויפן בימת הכבוד פארנט פונעם בנין ביהמ"ד הגדול, די זקני העדה ביי די ספעציעלע דעזיגנירטע פלעצער אונטערן אויבן אן, ווי אלע פלעצער זענען בליץ שנעל פיל געווארן מקצה אל הקצה, די פארענטשעס פון אברכים ובחורי חמד תלמידי ישיבותינו הקדושות, באזונדער האבן זיך אנגעזען תלמידי ישיבה גדולה וישיבה קטנה פון ניו יארק, און עקסטער די פארענטשעס פון ילדי תשב"ר, און די גאנצע חלל השטח.

דער רבי איז ערשינען אויפן שטח הדלקה און ארויף אויפן בימת הכבוד, און מען האט געזינגען ווארימע ניגונים מיט גרויס התעוררות און דביקות פאר א לענגערע צייט, אנגעפירט דורך די מקהלת המנגנים דחצרות קדשינו.

דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש בלהבת אש, איבער די גרויסקייט פונעם טאג, און מעורר רחמים געווען למען הכלל והפרט, זאגענדיג אז **דער הייליגער תנא רבי שמעון איז געווען די נשמה פון משה רבינו, משה רבינו האט מגלה געווען די תורת הנגלה, און נאכאמאל אראפגעקומען אויף די וועלט אין רבי שמעון בר יוחאי מגלה צו זיין די תורת הנסתר, אזוי ווי מען זעהט אז די טאג ז' אדר, די יום הולדת ויומא דהילולא פון משה רבינו, און די טאג ל"ג בעומר, די יום הולדת ויומדה"ל פון רשב"י, און אויך די פערדע טאג סוכות אשופיזא דמשה, קומט אלעמאל אויס אין די זעלבע טאג אין די וואך. צו ווייזן אז משה רבינו און רבן שמעון בר יוחאי איז געווען די זעלבע נשמה, וועלכע האבן אריינגעשיינט אין יודישע הערצער.**

**דער הייליגע תנא רשב"י האט מגלה געווען די סתרי תורה מיט א פייער, אזוי ווי ס'ווערט געברענגט אז ווען רשב"י האט געלערנט די תורת הנסתר האט אים ארומגענומען א פייער, דאס איז געווען א רוחניות'דיגע כח, און דאס גייט ווייטער אן אין יעדן דור, יעדעס יאר קומט די פייער נאכמאל אריין אין יעדע אידיש הארץ אין די טאג ל"ג בעומר, און מיט דעם כח קען מען זיך אויסבעטן ביים אייבערשטן אלעס וואס מען דארף.**

**דער הייליגער רוזשינ'ער זי"ע האט געזאגט, אז ל"ג בעומר ווען מען גייט צום מערה פון רשב"י איז עס אזוי ווי יום הקדוש, אידישע קינדער וויינען זיך אויס ביים אייבערשטן און מען בעט זיך אויס אלעס וואס מען דארף, און נאכדעם ווען מען קומט ארויס פון מערה טאנצט מען און מען פרייד זיך, דאס איז אזוי ווי שמחת תורה, מען פרייט זיך מיט די פנימיות תורה וואס רשב"י האט מגלה געווען.**

**דאס איז פשט וואס מען זינגט ביי בר יוחאי, נעשה אדם נאמר בעבורך, דער הייליגער באשעפער האט ביים באשאפן די מענטש ביי בריאת העולם געזאגט נעשה אדם, דאס גייט ארויף אויף רשב"י, דורך די כח פון רשב"י האט מען געקענט זאגן נעשה**

**ונשמע, אפילו פארן פארשטיין איז מען זיך מקבל, און אין דעם זכות האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט.**

**דער הייליגער באשעפער האט זיך כביכול באראטן מיט די מלאכים פאר ער האט באשאפן די מענטש, צו ווייזן אז צו קענען האבן די כח, פון טון וואס דער אייבערשטער וויל, נעשה פאר נשמע, מוז עס גיין מיט א כח הרבים.**

**דער רבי האט אויפגעפאדערט פון אלע באטייליגטע מען זאל זיך פארנעמען א קבלה טובה לכבוד התנא אלקי, און מיט דעם זכות וועט מען געהאלפן ווערן מיט אלעס וואס מען דארף. רבינו הקדוש זי"ע האט אסאך מאל געזאגט אז דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי איז דא ביי אונז, איז זיכער אז מען קען דא פועל'ן אלעס וואס מען דארף, רשב"י איז ר"ת יושפע שפע רב לכל, אבער צו דעם דארף זיין א אתערותא דלתתא, און אזוי וועט מען זוכה זיין צו אלע ברכות און ישועות, ביז מיר וועלן זוכה זיין צום ביאת גואל צדק, בב"א.**

דערנאך האט מען ממשיך געווען מיט ניגוני הכנה והתעוררות, דער רבי האט צוגעטרעטן צום מקום ההדלקה צו גיסן די שמן משחת קודש, דערנאך האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, צו גיסן די אויל.

די זכות הדלקה איז געקויפט געווארן פאר כ"ק מרן רבינו שליט"א פאר א אסטראנאמישע סומע דורך הרבני הנגיד ר' מנחם מענדל בן יוכבד הי"ו, לכבוד התנא אלקי, ולע"נ אביו הרה"ח ר' שמואל ברוך ב"ר חיים צבי דוב ע"ה. די זכות יציקת השמן איז געקויפט געווארן לכבוד הרבני הנגיד ר' יעקב בן שרה יגן הי"ו.

דער רבי האט אנגעצינדן די מדורה לכבוד התנא אלקי, בשעת די גאנצע ציבור הייבט זיך אין פייערליכע ריקודין עיליאין, דערנאך איז דער רבי צוריקגעגאנגען על מקומו אויפן בימת הכבוד, און זיך ארויסגעלאזט אין געהויבענע ריקודין פאר א לענגערע צייט. דערנאך האט מען געזינגען די פיוטי בר יוחאי ואמרתם כה לחי, און הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א האט פארגעזינגען 'אמר רבי עקיבא', און די ריקודין עיליאין וניגוני שמחה האבן אנגעהאלטן פאר א לענגערע ווילע טאנצענדיג מיט א התלהבות דקדושה לכבוד התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי.

דערנאך האט דער רבי געשאסן פייל און בויגן אויף אלע זייטן כנהוג.

## דינסטאג פר' בה"ב - ל"ג בעומר

אינדערפרי נאך תפילת שחרית זענען פארגעקומען בביתו נאוה קודש פון רבינו שליט"א די אפשערן'ס פון די חאלאקע קינדערלעך, ב"ר משה ארי' ראטעטנבערג הי"ו, ב"ר טובי' סג"ל גליקמאן הי"ו פון קרית יואל, ב"ר נפתלי צבי חיים לאנדאוי הי"ו, ב"ר חיים מאיר סעטלמייער הי"ו פון מאנטריאל. דער רבי האט אפגעשוירן די האר, אנגעטון קאפל און ציצית, געבענטשט די קינדער, דערנאך ווארעם אנגעוואונטשן די עלטערן ובני משפחה.

◆

מיטאג צייט איז דער רבי ערשינען בהיכל ביהמ"ד הגדול ווי עס זענען געווען פארזאמעלט תלמידי "ישיבה גדולה תורת משולם פייש" און תלמידי "ישיבה קטנה תפארת משולם פייש" פון ניו יארק, ווי די בחורים האבן געהאט א געלעגנהייט אריבער צו גיין ביים רבי'ן געבן שלום, און איבערגעבן די קארטל וואס מען האט זיך געצייכענט במשך די ימי בין הזמנים העעל"ט.

דערנאך האט דער רבי געדאווענט תפילת מנחה אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבות, פארן עמוד האט געדאווענט הב' אברהם ארי' ב"ר יששכר דוב מאירוביץ ני"ו תלמיד ישיבה גדולה תורת משולם פייש ניו יארק.

דערנאך איז דער רבי ארויס צום ציון הקדוש פון רבינו הקדוש זי"ע, אויסצוזאגן גאנץ ספר תהלים ברוב עם, לפעול דבר ישועה ורחמים למען הכלל והפרט, בזכותו הגדול פונעם הייליגן תנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי, צוזאמען מיט די תלמידי הישיבות.

דער רבי האט זיך אנגעלאנט אויפן ציון הקדוש פאר עטליכע מינוטן, דערנאך געצינדן לעכט לכבוד התנא אלקי, און אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים מיט גרויס התעוררות און השתפכות הנפש.

נאכן ענדיגן גאנץ ספר תהלים, האט מען געזאגט די יהי רצון וי"ג מדות של רחמים מיט גרויס התעוררות, דער רבי האט געזאגט קדיש און געוואונטשן מען זאל האבן געפועלט אלעס גוטס.

◆

במשך די נאכמיטאג שעות האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל אלע אורחים החשובים לברך ולהתברך בחדרו הפרטי בביתו נאוה קודש א לענגערע צייט.

◆

פארנאכטס איז דער רבי ערשינען בהיכל ביהמ"ד הגדול און געצינדן ליכט און זיך געוואשן צום סעודת הילולא קדישא לכבוד התנא אלקי, ווי עס איז געווען צוגעגרייט א רייכע סעודה לכבוד היום פאר כל הקהל הקודש.

די שלחן הטהור איז פארגעקומען אינאיינעם מיטן שמחת התנאים פון נכדת רבינו שליט"א, הכלה בת חתנא דבי נשיאה, הגה"צ רבי יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א, בן כ"ק אדמו"ר מ'זלאטשוב שליט"א, משולב מיטן גרויסארטיגן סיום מס' בבא בתרא, וועלכע איז געלערנט און געענדיגט געווארן דורך די הונדערטער חברי חבורת 'מזון הנפש' דקהלתינו הק', במסגרת ה' עמודים לשבוע.

אויפן אויבן אן האבן באשיינט די חתן און מחותנים, און די זיידע'ס האדמורי"ם שליט"א. נאכן פארטיילן שיריים פון די פיש האט דער רבי געוואונטשן לחיים. במשכ'ן טיש האבן די מקהלות המנגנים מהנה געווען בשירה ובזמרה לכבוד היום.




דער רבי האט מסדר געווען די תנאים, און דערנאך מכבד געווען דער זיידע כ"ק אדמו"ר מ'זלאטשוב שליט"א מיט קריאת התנאים, נאכן ברעכן טעללער האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע ריקודין עילאין לשמוח בשמחת בית צדיקים.

שפעטער האט אב"ד קלוזש שליט"א פטרון חבורת מזון הנפש אויפגעטרעטן מיט פאסיגע דיבורים, דערנאך געמאכט די סיום אויף מס' בבא בתרא והתחלת מס' סנהדרין, תיכף דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פייערליכע ריקודין נלהבים לכבוד שמחת התורה.

דערנאך האט דער רבי מכבד געווען פארצוזינגן די פיוטי היום, בר יוחאי הרה"ג ר' עקיבא יוסף ראבינאוויטש שליט"א מרבני בית מדרשינו מאנטריאל, ואמרתם הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, אשרינו הרה"ג ר' חיים לייב כהנא שליט"א מספינקא, און דער רבי האט זיך אויפגעשטעלט טאנצן פייערדיגע ריקודין פאר א לענגערע צייט, הייבנדיג די גאנצע ציבור מיט התרוממות הנפש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'זלאטשוב שליט"א, שיר המעלות הב' לוי יצחק ב"ר יואל סג"ל שווארץ נ"ו פון וומסבז"ג.

תורתו מגן לנו היא מאירת עינינו הוא ימליץ טוב בעדינו אדונינו בר יוחאי!

מזון הנפש

בעזהשי"ת

## סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת במדבר =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא - סנהדרין | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק בה"ב | דף צג: | דף צ. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף צד. | דף צ: | דף ג. | דף קעה: |
| מאנטאג | דף צד: | דף צא. | דף ג: | דף קעו. |
| דינסטאג ל"ג בעומר | דף צה. | דף צא: | דף ד. | דף קעו: |
| מיטוואך התחלת סנהדרין | דף צה: | דף צב. | דף ד: | דף ב. |
| דאנערשטאג | דף צו. | דף צב: | דף ה. | דף ב: |
| עש"ק פסח שני | דף צו: | דף צג. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' שבוע שחל בו שבועות
חבורת ז' עמודים - פא. - צד:
חבורת ה' עמודים - קע. – סוף המסכת

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא
רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 4-1 פון די מעין מעניו

קול איחוד
טאהש
מקושר פון איבעראל
718.451.TOSH | 514.500.TOSH

פרנס
השיעורי תורה על
'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט
נתנדב
לע"נ הרבנית הצדיקת
ברכה חנה ז"ל בת
רביה"ק מרן משולם
פייש סג"ל זי"ע
יארצייט ביום כ"ג אייר
זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד
לו ולזרעו להתברך בכל הברכות
הכתובה בתורה עד עולם אמן

718.451.8674
514.500.8674
0.333.015.0715
079.704.0074

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון,
מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג

איחוד תלמידי וחסידי טאהש
יו"ל ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו
P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950